בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת יִתְרוֹ

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו״ר מוהר״ן מברסלב זי״ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות ״היכל הקודש״ חסידי ברסלב**
שע״י עמותת ״ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל״
בהתייסדות ע״י כ״ק מוהרא״ש זצוק״ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת יתרו, י"ב שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

די וואך ליינט מען די פרשה פון קבלת התורה, איז יעצט א פאסיגער צייט זיך צו באנייען אין לימוד התורה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכ.): אויפן פסוק (ישעיהו ג, ז): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", א מענטש וואס לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש, א פרק משניות און א דף גמרא איז דער גרעסטער ארימאן; מען זעט ווי מענטשן ארבעטן במשך זייער גאנץ לעבן אוועק צו לייגן נאך און נאך געלט, מען טראכט נישט אז איין טאג וועט דער מענטש דארפן צוריק גיין צום אייבערשטן און דארט ניצט מען נישט קיין געלט, דארט איז דאס נישט ווערד, דארט איז ווערד נאר תורה ומצות.

מיר האבן נאך צוויי וואכן פון די ימי השובבי"ם, אין די טעג איז דער צייט וואס מען קען אלעס מתקן זיין; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי ראש השנה פרק ד, הלכה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה, דאס הייסט ער נעמט זיך פאר צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, זאגט דער אייבערשטער: "איך באטראכט דעם מענטש כאילו ער האט קיינמאל נישט געזינדיגט"; זעט מען אז ווען מען לערנט תורה קען מען אלעס פארעכטן.

מיר האבן זוכה געווען אז דער רבי האט אונז געגעבן א גרינגע וועג ווי אזוי יעדער פון אונז זאל קענען לערנען; מען זאל זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה. אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו) אז אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט הייסט דאס לימוד התורה. דער רבי ברענגט אראפ וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת סג.): "לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר", שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים קיט, כ): "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", א מענטש זאל לערנען אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט.

איך בין געווען פאריגע וואך אין ארץ ישראל פאר צוויי טעג; איך האב געהאט אין פלאן צו זיין ביינאכט אין ירושלים ביים שער השמים, דארט זאגן

תיקון חצות און זיך מתבודד זיין אביסל, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נד) אז ביי חצות איז א גוטע צייט זיך אויסצוגיסן דאס הארץ וכו'. למעשה זענען צו מיר צוגעקומען דריי בחורים און געבעטן איך זאל קומען צו זיי אין ישיבה געבן א שיעור, לכתחילה האב איך נישט געהאט חשק און איך האב זיך פראבירט ארויס צו דרייען פון זיי, אז איך בין דא נאר פאר איין טאג און איך פאר שוין מארגן צוריק, ווייל איך האב געוואלט אביסל צייט פאר מיר אליין וכו'. אבער איך האב זיך דערמאנט וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קכז.): "גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִין מֵהַקְבָּלַת פְּנֵי שְׁכִינָה", עס איז גרעסער צו טון א טובה טון פאר א צווייטן ווי צו זיצן פאר זיך לערנען און דאווענען; האב איך געטראכט אז באמת וויל איך זיצן דא ביים שער השמים מקבל זיין פני השכינה, אבער פון דער אנדערער זייט זענען דא צעבראכענע בחורים וואס דארפן חיזוק אנצוגיין אין לעבן.

למעשה בין איך געגאנגען ביינאכט האלטן דארט א דרשה; מיר האבן גערעדט פון תפילה והתבודדות, אז ווען א מענטש רעדט צום אייבערשטן איז אים דאס לעבן גרינגער. אפילו ערווארט נאך אלץ אויף זיין ישועה, אבער אז מען ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער איז עס גרינגער צו נעמען.

מיר זענען אזוי גליקליך אז מיר ווייסן פון רבי'ן; וואו וואלטן מיר געווען און ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעזען אן דעם רבי'ן. ברוך ה' מיר האבן א רבי וואס לערנט אונז אויס אז מיר זאלן זיך נישט פארלירן אפילו אין די שווערסטע מצבים, א רבי וואס ווייזט אונז וואו מען קען זיך באהאלטן אין א שווערע טאג, מען זאל לויפן צום אייבערשטן און צו די תורה.

איך בעט דיר טייערער..., דערהאלט זיך און געדענק שטענדיג וואס דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן; ווען ר' נתן האט די ערשטע מאל געזען דעם רבי'ן אין חלום - ווי ער קריכט ארויף אויף א לייטער און ער האלט אין איין פאלן - האט ער געזען ווי פון אויבן שטייט א אינגערמאן און שרייט צו אים: "נתן! דראפע זיך און דערהאלט זיך". שפעטער ווען ער איז געקומען צום רבי'ן האט ער געזען אז דער מענטש וועם ער האט געזען אין חלום, דאס איז דער רבי.

דער רבי שרייט פאר אונז אלע, "...! דראפע זיך און דערהאלט זיך".

זיי פרייליך.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת יתרו, י״ג שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בין געווען פאריגע וואך אין ארץ ישראל. איך בין געגאנגען געבן א שיעור אין בית שמש אין שטוב פון האברך היקר ... נרו יאיר וואס ער האט געעפענט א בית המדרש ביי זיך אין שטוב; מען קומט זיך צוזאמען ביי אים יעדע ליל שישי, ער געבט א שיעור אין הייליגן רבינ׳ס ספרים, אויך מאכט ער ביי זיך אין שטוב שלש סעודות.

ביי מיר איז זייער א גרויסע שמחה אז די תלמידים מאכן נאך תלמידים, דאס האט דאך דער רבי געוואלט, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שעג): שֶׁצְּרִיכִין לְהַשְׁאִיר תַּלְמִידִים, שֶׁאֵלּוּ הַתַּלְמִידִים יַעֲשׂוּ תַּלְמִידִים אֲחֵרִים, וְכֵן הַתַּלְמִידֵי תַלְמִידִים יָאִירוּ לְהַלָּן יוֹתֵר וְיוֹתֵר, וְכֵן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת״, מען זאל איבער לאזן תלמידים וואס זיי וועלן מאכן אנדערע תלמידים. און די תלמידי תלמידים וועלן ווייטער מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן לדורי דורות.

נאכדעם בין איך געפארן צום הר המנוחות; עס איז דעמאלט אויסגעפאלן די יארצייט פון מיין ווייב׳ס זיידע הרב החסיד ר׳ יצחק דוד פריעדמאן זכרונו לברכה. נאך מיין חתונה פלעג איך לערנען מיט אים יעדע נאכט בחברותא מסכת שבת. ער איז געווען זייער א גרויסער מענטש, בפרט אין מידות איז ער געווען א גרויסער חידוש. ווען איך פלעג זיך געזעגענען פון אים פאר ראש השנה פלעגט ער מיר זייער בעטן איך זאל אים מזכיר זיין ביים רבי׳ן אין אומאן.

נאכדעם בין איך צוגעגאנגען צום ציון פון הייליגן חיד״א זכותו יגן עלינו וואס ליגט אויך אין הר המנוחות; איך האב זייער א שטארקע געפיל ביי זיין ציון, ווייל פאר איך האב זיך דערוואוסט פונעם הייליגן רבי׳ן פלעג איך אסאך לערנען
~~~~~~~~~~

זיין ספר "עבודת הקודש". דאס איז געווען איינע פון די ספרים אין וואס איך האב זיך אנגעהאנגען וכו', פון דארט בין איך געפארן ווייטער קיין ירושלים.

שפעט ביינאכט בין איך געפארן קיין יבניאל; מיר זענען אנגעקומען פארטאגס, קודם זענען מיר געגאנגען אין מקוה און נאכדעם צום ציון פון מוהרא"ש. איך האב אסאך געבעטן פאר דיר און פאר דיין משפחה.

דער ציון פון מוהרא"ש איז א מקום וואו מען ווערט נתעורר לתשובה, עס איז ממש אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה: "**אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן**".

היינט נאכט וועט נישט זיין קיין שיעור פאר די אינגעלייט; דער שיעור וועט זיין דאנערשטאג נאכט ווען מיר וועלן אם ירצה ה' מאכן א סעודה לכבוד די יארצייט פון מוהרא"ש זכר צדיק לברכה, צו איבער גיין און זיך מחזק זיין מיט די מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אין אונזער דור. מוהרא"ש האט אונז מקרב געווען צום הייליגן רבי'ן און ער האט זיין גאנץ לעבן זיך מוסר נפש געווען צו פארשפרייטן אמונה פאר אידישע קינדער, פארשפרייטן אז עס איז דא א רבי וואס האט גוטע עצות.

די ווייבער שול וועט אויך זיין אפן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת יתרו, י"ד שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מארגן געפאלט חמשה עשר בשבט - ראש השנה פאר דיביימער; אין דעם טאג הייבן די ביימער אן צו וואקסן. מען פירט זיך צו עסן א סעודה פון פירות,
~~~~~~~~~~~

דערפאר זאלסטו זען צו מאכן א שיינע סעודה לכבוד חמשה עשר בשבט פאר דיינע קינדער.

זע צו קויפן טייטלען פאר די סעודה, ווייל דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות עצבות, סימן לה): "תְּמָרִים מְבַטְּלִין דְּאָגָה", אז מען עסט טייטלען גייען אוועק אלע דאגות; בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל נישט האבן קיין קשיות אויף דיר און איך זאל נישט האבן קיין דאגות".

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוכה מה:): "מַה תָּמָר אֵין לוֹ אֶלָּא לֵב אֶחָד, אַף יִשְׂרָאֵל אֵין לָהֶם אֶלָּא לֵב אֶחָד לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דערפאר נעמט דאס אוועק אלע דאגות, ווייל ווי נאר א מענטש לעבט מיטן אייבערשטן, ער ווייסט אז קיינער קען אים גארנישט טון, עס איז גארנישט דא אויסער דעם באשעפער, ווערט דער מענטש רואיג און פרייליך און אלע דאגות גייען אוועק. מוהרא"ש זאגט, אז דאס גאנצע זיסקייט פון האניג וואס קומט ארויס פונעם טייטל איז אונז צו ווייזן אז ווען א מענטש האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן - אזוי ווי דער טייטל - און ער ווייסט קלאר אז אלעס וואס פאסירט מיט אים האט א פונקטליכער חשבון, איז אים זייער זיס.

לייג אוועק אלע דיינע געשעפטן און מאך דיר צייט היינט נאכט צו פארברענגען מיט דיינע קינדער; געדענק אז קינדער קוקן זייער ארויס אוןווארטן צו פארברענגען מיט די עלטערן. יעדעס מאל מען מאכט א סעודה איז א גוטע צייט צו אינוועסטירן אין די קינדער, מען פארציילט זיי שיינע זאכן און מען הערט אויס יעדן איינעם וכו'. דאס קריצט זיך איין אין זיי און דאס ווען זיי שטענדיג געדענקען; א שאד צו פארברענגען אינדרויסן פון שטוב מיט חברים און עס איז א שאד צו פארברענען די נאכט מיט נארישקייטן.

איך בין געווען אין ארץ ישראל פאריגע וואך; דאנערשטיג נאכט האב איך געגעבן א שיעור אין צפת. איך האב געפרעגט די אינגעלייט פון וואס מען זאל רעדן, האבן זיי געבעטן פון פרנסה, האב איך זיי געזאגט וואס מוהרא"ש האט אונז שטענדיג געזאגט, וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סט): "כִּי עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דאס גאנצע פרנסה קומט בזכות די פרוי; איך האב זיי מחזק געווען אז אנשטאט זיי זאלן זיצן אין שול ביינאכט מיט חברים און רעדן

שטותים והבלים, דברים של מה בכך אויף דעם און אויף יענעם, זאלן זיי אהיים גיין רעדן מיט די ווייב און קינדער.

אינגעלייט פרעגן מיך: ״וואס קען מען טון אז דאס איז אינטערעסאנט און דאס נישט; שמועסן מיט חברים איז אינטערעסאנט, אבער שמועסן מיט די ווייב און קינדער איז נישט אינטערעסאנט...״ נעבעך פאר אזא איינעם וואס חברים איז אים מער אינטערעסאנט ווי צו זיצן אין שטוב; דאס קומט נעבעך פון עבירות. אז א מענטש זינדיגט ווערט אים פארדרייט דער קאפ אז מען קען שוין נישט טראכטן גראד, אבער אז מען טוט תשובה ווערט דער קאפ אביסל אויסגעקלארט און מען הייבט אן טראכטן צו זיך: ׳וואס וועט מיר איבער בלייבן פון די אלע שמועסלעך...?׳

וואס זאל איך דיר זאגן מיין ליבער ..., דער רבי עפענט אונז די אויגן מיר זאלן לעבן מיטן תכלית, מיר זאלן געדענקען אז מיר בלייבן נישט דא, ווייל קיינער בלייבט נישט אויף דער וועלט און וואס וועט שוין בלייבן פון אלע שמועסלעך... נאר דאס וואס מיר זענען מחנך אונזערע קינדער אז זיי זאלן וויסן ווי זיך צו פירן, דאס וועט איבער בלייבן, נאר דאס ביסל גוטס וואס מיר כאפן אריין וועלן מיר מיט נעמען אויף אייביג. הער אויף צו פארברענגען וכו׳, נאר גיי אהיים שמועסן אין שטוב מיט דיין ווייב און קינדער, וועסטו האבן נחת פון זיי.

דעם דאנערשטאג נאכט געפאלט דעם יארצייט פון מוהרא״ש זכר צדיק לברכה, מיר וועלן אם ירצה ה׳ מאכן א יארצייט סעודה אין ישיבה זיך מחזק זיין און איבער חזר׳ן וואס מוהרא״ש האט מיט אונז געלערנט. ווי אויך וועלן מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי׳ן. מוהרא״ש האט זיך מוסר נפש געווען זיין גאנץ לעבן צו פארשפרייטן אמונה פאר אידישע קינדער, פארשפרייטן אז עס איז דא א רבי וואס האט גוטע עצות.

די ווייבער שול וועט אויך זיין אפען פאר די פרויען וואס ווילן קומען.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט - חמשה עשר בשבט - איז זייער א גרויסער טאג. עס שטייט אין די תורה (דברים כ, יט): ״כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה״, א מענטש איז אזוי ווי א בוים; מען קען זיך אפלערנען זייער אסאך זאכן פון א בוים. איינע פון די זאכן וואס מען זעט ביי א בוים, אז ווען א בוים איז נאך יונג און קליין קען מען עס בייגן וועלכע ריכטונג מען וויל, און אויב זעט מען אז עס וואקסט פארדרייט קען מען עס נאך צוריקבייגן, אבער ווען דער בוים ווערט גרעסער און עלטער קען מען שוין נישט רירן דעם בוים, דאס ווייזט אונז אז מען דארף מחנך זיין די קינדער ווען זיי זענען נאך יונג און קליין.

עלטערן מאכן א טעות מיט דעם וואס זיי מיינען אז קליינע קינדער דארף מען נישט מחנך זיין, מען דרוקט זיך אויס: ״ווען די קינדער וועלן עלטער ווערן וועלן מיר זיי מחנך זיין״. אבער וויסן זאלסטו, אז ווען קינדער ווערן עלטער איז שוין אסאך מאל זייער שפעט און די עלטערן וועלן דעמאלט חרטה האבן וכו׳ וכו׳. עלטערן דארפן אכטונג געבן אויף די קינדער ווען זיי זענען נאך קליינעביימעלעך וואס דעמאלט קען מען עס שיין אויסגראדן; דעמאלט קען מען זיי אויסלערנען גוטע מידות, רעדן איידל און זיך פירן איידל.

ר׳ נתן האט געזאגט: ״עס איז ביי מיר חשוב צו מחנך זיין זיינע קינדער, פונקט ווי אויפשטיין חצות און זאגן ׳תיקון חצות׳״; ווייל אז מען וויל אויפשטיין זאגן תיקון חצות, דארף מען זיך לייגן שלאפן פרי, אבער ר׳ נתן האט נישט געוואלט גיין שלאפן פאר זיינע קינדער קומען אהיים, ווייל ער האט זיי געוואלט מחנך זיין, ער האט געוואלט ליינען קריאת שמע מיט זיי, ער האט זיי געוואלט אויסלערנען צו מאכן נאך ברכות, אנגרייטן נעגל וואסער, וכדומה. ווייל א קינד וואס זיינע עלטערן האבן אים שיינערהייט דערמאנט נאכט נאך נאכט צו ליינען קריאת שמע איז אים גרינגער דאס צו טון זיין גאנץ לעבן. אודאי דארף יעדער מענטש חיזוק, ווייל יעדער מענטש האט א יצר הרע וכו׳ וכו׳, אבער מיט א גוטע חינוך בלייבט די יראת שמים און אידישקייט איינגעבאקן אין הארצן.

אויב דו האסט נישט געמאכט א סעודה נעכטן נאכט מיט דיינע קינדער, זאלסטו פרובירן צו מאכן היינט א סעודה מיט זיי; וואויל איז פאר עלטערן וואס ווייסן אז דער אייבערשטער געפינט זיך אין שטוב, נישט ווי מען רעדט איין אין געוויסע מקומות אז אן עובד ה׳ קומט נישט אהיים וכו׳, אן ערליכער איד איז איינער וואס איז אפגעשיידט פון דער וועלט. ביים רבינ׳ס חדר לערנט מען אנדערש, מען לערנט אונז אז אן ערליכער איד איז איינער וואס זיצט אין שטוב, ער מאכט פון זיין שטוב א מקום המקדש, ער ברענגט אריין דעם אייבערשטן אין שטוב, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן י) אז דער עיקר ווי אזוי מען קען אריין ברענגען דעם אייבערשטן אויף דער וועלט איז נאר דורך דעם וועג פון יעקב אבינו, וואס ער האט אויסגעלערנט אז מען קען דינען דעם אייבערשטן אין שטוב.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע זון ... נרו יאיר**

דו האסט מיר ממש מחי׳ געווען ווען דו האסט מיר געזאגט אז דו האסט מסיים געווען די דריי און צוואנציגסטע מאל ששה סדרי משנה; איך האב גלייך גערופן מאמי איר דערציילן ווי פלייסיג דו לערנסט. דאס איז אונזער גאנצע נחת אין לעבן, צו זען ווי אונזערע קינדער לערנען די הייליגע תורה און פירן זיך מיט יראת שמים.

איך האב זייער הנאה אז דו שטייסט אויף אינדערפרי צו לערנען דעם דף גמרא, זה חלקי מכל עמלי צו זען ווי מיינע קינדער לערנען די הייליגע תורה. עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ווי לערנען די הייליגע גמרא, ווער עס לערנט גמרא ווערט אפגעהיטן פון דעם יצר הרע. ווען מען לערנט גמרא ווערט מען געראטעוועט פון אלעם שלעכטס; עס פארברענט אלע קליפות, אזוי ווי דער רבי
~~~~~~~~~~

זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ריד): **תלמוד איז אנקעגן די קליפה וואס ווארפט אראפ א מענטש אין פגם הברית רחמנא לצלן.**

איך בעט דיר זייער, נעם דעם דף גמרא וואס איך לערן מיט דיר יעדן טאג און חזר דאס איבער, וועסטו דאס געדענקען דיין גאנץ לעבן; די תורה וואס מען לערנט אין די יונגע יארן בלייבט לענגער ווי דאס וואס מען לערנט שפעטער, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת כא:): "לְגִירְסָא דְיַנְקוּתָא", און רש"י זאגט דארט: "מִתְקַיֵּם יוֹתֵר מִשֶּׁל זִקְנָה"; אפילו דו זאלסט נאר איבערגיין אפאר מאל וואלט דאס דיר געבליבן אין זכרון פאר א לאנגע צייט.

שטארק דיר און זיי ממשיך מיט דיין הייליגע ארבעט, דאווענען און לערנען; בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט שוין זוכה זיין צו טרעפן דיין שידוך בקרוב, אמן.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת יתרו, ט"ז שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלנו אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן. דער רבי לערנט מיט אונז דאס וואס משיח וועט לערנען מיט אונז, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רסו): "צווישן מיר און משיח איז נישט דא קיין חילוק, נאר איין חילוק איז דא, ביי משיח וועט מער נישט זיין קיין בחירה און יעצט איז נאך דא די בחירה".

משיח צדקינו וועט אריין ברענגען אזא ליכטיגקייט אין די וועלט אז יעדער איינער וועט שפירן ווי דער אייבערשטער איז מיט אים, ביי אים און נעבן אים. מען וועט רעדן צום אייבערשטן - יעדער איינער וואס ער דארף, אזוי ווי עס שטייט (צפניה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; און יעדער וועט זען דעם אייבערשטן, אזוי עס שטייט (ישעיהו נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן."
~~~~~~~~~~

דאס טוט שוין דער רבי מיט אונז יעצט; דער רבי ברענגט אריין און אונז אזא געטליכקייט און אזא ליכטיגקייט אז מיר שפירן ווי דער אייבערשטער איז מיט אונז ביי אונז און נעבן אונז. און איינמאל מען שפירט דעם אייבערשטן, הייבט דער מענטש אן רעדן צו אים צום אייבערשטן.

דערפאר זענען מענטשן זייער מזלזל אין הייליגן רבי׳ן, מען פארשטייט נישט וואס ברסלב איז, ווייל אן א צדיק איז מען נאך טיף אין גלות, מען שפירט נישט דעם אייבערשטן און מען זעט אים נישט.

ר׳ נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: ״ווען א מענטש האט אמונה אינעם אייבערשטן, איז ער זוכה אז עס עפענען זיך אויף פאר אים אלע הימלען, אזוי ווי עס שטייט ביי יחזקאל הנביא (יחזקאל א, א) וואס ער האט זוכה געווען צו ״נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם, וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים״, די ראשי תיבות פון נ׳פְתְּחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וָ׳אֶרְאֶה מַ׳רְאוֹת אֱ׳לֹהִים איז ׳אמונה׳; דאס הייסט, אז ווען א מענטש איז זוכה צו האבן א ריינע אמונה, ער גלייבט אז אלעס איז דער אייבערשטער און סיי וואס עס גייט אריבער אויף אים ווייסט ער אז אלעס איז דער אייבערשטער, איז ער זוכה צו אלע מדריגות.

דאס טוט דער רבי מיט אונז, ער נעמט אזעלכע קליינע מענטשן ווי מיר זענען, מענטשן וואס זענען נאך זייער ווייט פון אלע קדושות וכו׳ און ער מאכט אז מיר זאלן זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן אזוי ווי גרויסע צדיקים. דערפאר דארפן מיר זייער פרייליך זיין אז מיר האבן אזא רבי, און מיר פאלגן זיינע עצות.

איך בעט דיר זייער שטארק זאלסט לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג, עס איז א שאד אז עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג אן תורה. היינט האבן מיר אזא שיינע דף (עבודה זרה יז) וואס די גמרא דערציילט אז עס איז געווען א מענטש אלעזר בן דורדיא וואס ער האט געטון זייער אסאך עבירות, עד כדי כך אז די חז״ל זאגן אויף אים אז ער האט נישט איבערגעלאזט קיין איין עבירה וואס ער זאל נישט טון רחמנא לצלן. איין טאג האט ער זיך בארעכנט אז ער וויל תשובה טון, איז ער געגאנגען צווישן די בערג און געשריגן צו די בערג: ״איך בעט ענק, בעט פאר מיר ביים אייבערשטן אז מען זאל מיר צוריק נעמען; איך וויל תשובה טון״. האבן זיי אים געזאגט: ״עַד שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים עָלֶיךָ, נְבַקֵּשׁ עַל עַצְמֵנוּ״ - מיר דארפן אליינס

רחמי שמים. איז ער געגאנגען צו די הימל און צו די ערד, צו די זון און צו די לבנה, צו די שטערנס און מזלות און זיי געבעטן: "איך בעט ענק, בעט פאר מיר ביים אייבערשטן אז מען זאל מיך צוריק נעמען, איך וויל תשובה טון", אלע האבן אים געענטפערט די זעלבע זאך: "עַד שֶׁאָנוּ מְבַקְּשִׁים עָלֶיךָ, נְבַקֵּשׁ עַל עַצְמֵנוּ", מיר דארפן אליינס רחמי שמים, מיר קענען דיר נישט העלפן.

תוספות זאגט פשט (שם) אז ער האט נישט גערעדט צו די בערג וכו' נאר ער האט גערעדט צו זיך אליינס, ער האט זיך געזאגט: "קיינער וועט מיר נישט קענען העלפן, יעדער דארף פאר זיך אליין רחמי שמים עיי"ש."

ווען ער געזען אז קיינער קען אים נישט העלפן איז ער געגאנגען און זיך אוועק געזעצט, ער האט איינגעבויגן זיין קאפ צווישן זיינע פיס און ער האט אנגעפאנגען זייער שטארק צו וויינען, אזוי איז ער געזיצן מיט אן איינגעבויגענעם קאפ פאר א לאנגע צייט ביז ער איז געשטארבן. איז ארויס א בת קול: "רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָּא מְזוּמָּן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא", אז מען האט אנגענומען זיין תשובה.

זאגט די גמרא: "בָּכָה רֶבִּי וְאָמַר", רבינו הקדוש האט געוויינט און געזאגט: "יֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת", קוק צו וואס א מענטש קען זוכה זיין אין איין מינוט - אז ער טוט תשובה; נישט נאר מען האט אנגענומען זיין תשובה, נאר מען רופט אים מיט א טיטל ר', ווייל דער בת קול איז ארויס 'רבי' אלעזר בן דורדיא מזומן לחיי העולם הבא.

זעט מען פון דעם צו וואס א מענטש קען זוכה זיין ווען ער וויינט זיך אויס צום אייבערשטן און ער זאגט: "רבונו של עולם, איך וויל תשובה טון, איך האב געטון אסאך נארישקייטן אין מיין לעבן, איך בין טאקע זייער ווייט פארקראכן, אבער איך וויל זיך צוריק קערן צו דיר. רבונו של עולם העלף מיר, איך קען זיך נישט ארויס זען פון מיין פלאנטער, איך מאך אף יעדן טאג ביי מיר אז איך גיי שוין מער נישט צוריק גיין צו מיינע נארישע מעשים און יעדע מאל פאל איך נאכאמאל אראפ, העלף מיר."

וואס איז פשט אז רבי האט געוויינט ווען ער האט געזען ווי דער אלעזר האט תשובה געטון און זיין תשובה איז אנגענומען געווארן? עס איז דאך א שמחה אז

נאך א איד איז זוכה לחיי עולם הבא, נאר רבי האט געוויינט אויף אונז; א מענטש קען זוכה זיין צו חיי עולם הבא אויב ער וויינט זיך אויס פארן אייבערשטן, איז דאך ממש א שאד פאר אונז אז מיר זאלן זיך נישט אויסגיסן אונזער הארץ פארן אייבערשטן, אויף דעם קומט טאקע צו וויינען, אז עס גייט אריבער א טאג און מען כאפט נישט אריין אביסל גוטס וואס וועט דיר בלייבן לנצח נצחים.

היינט נאכט איז די יארצייט פון מוהרא"ש זכר צדיק וקדוש לברכה; וויפיל מיר זאלן נאר רעדן וויפיל מיר זאלן נאר פארציילן פון מוהרא"ש וועלן מיר נישט אנהייבן צו פארציילן וואס מוהרא"ש איז געווען. דער עיקר דארפן מיר זיך אפלערנען פון מוהרא"ש און פראבירן גיין אין זיינע וועגן, פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט.

איך האף דיר צו זען היינט נאכט ביי די יארצייט סעודה אין ישיבה.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י"ז שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט איז פאר אונז תלמידי היכל הקודש זייער א גרויסער טאג, עס איז היינט דער יארצייט פון מוהרא"ש זכר צדיק וקדוש לברכה.

מיר שטייען שוין דריי יאר נאכן פטירה פון מוהרא"ש ז"ל און געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקיים יעדע פרט פון זיין צוואה; מיר דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים און דעם רבינ'ס עצות אויף די גאנצע וועלט.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט אוועק שטיין פון מחלוקת, ווייל ווער עס האט שייכות מיט מחלוקת באצאלט א טייערע פרייז. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (במדבר רבה יח, ד): "כַּמָּה קָשָׁה הַמַּחֲלֹקֶת, שֶׁבֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה אֵין קוֹנְסִים אֶלָּא מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה וּבֵית דִּין שֶׁל מַטָּה מִבֶּן שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה, בְּמַחֲלָקְתּוֹ שֶׁל קֹרַח תִּינוֹקוֹת בֶּן יוֹמָן נִשְׂרְפוּ וְנִבְלְעוּ בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּית", קוק ווי הארב מחלוקת איז, בית דין של
~~~~~~~~~~~

מעלה שטראפט א מענטש נאר פון די צוואנציג יאר און ארויף, בית דין של מטה שטראפט שוין פון די דרייצן יאר, אבער ביי די מחלוקת פון קרח זענען אלע איינגעזינקען געווארן אין דער ערד אפילו קינדער פון איין טאג אלט.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות תפלה, סימן לב): "אַל תִּתְפַּלֵּל בְּבַיִת שֶׁבָּנָה בַּעַל מַחְלוֹקֶת", מען זאל נישט דאווענען אין א הויז וואס א בעל מחלוקת האט געבויעט; מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט, אז דאס גייט ארויף אויף א בית המדרש וואס דארט דאווענט מען, אויף דעם זאגט דער רבי אז מען זאל נישט אריינגיין דאווענען אין א שול וואס מען קריגט זיך דארט.

חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (יבמות צו:): עס איז געווען א שול אין טבריה וואו צוויי תנאים האבן זיך געקריגט אין לערנען ביז זיי האבן צעריסן א ספר תורה בשעת'ן זיך קריגן. ווען דער תנא רבי יוסי בן קיסמא האט דאס געזען האט ער געזאגט: "תָּמֵהַּ אֲנִי אִם לֹא יִהְיֶה בֵּית הַכְּנֶסֶת זוּ עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", איך וואונדער זיך אויף דעם שול צי דא וועט נישט זיין איין טאג א פלאץ וואו מען וועט דינען עבודה זרה און אזוי איז טאקע געווען; זעט מען פון דעם אז אפילו א מחלוקת לשם שמים איז אויך זייער הארב, דערפאר זאגט דער רבי אז מען זאל נישט אריין גיין דאווענען אין א פלאץ וואו מען קריגט זיך.

ברודער, אנטלויף פון מחלוקת! וואס ווערסטו האבן פון זיך קריגן? א קלוגער מענטש קוקט אויף זיך; מאך זיך א שטיקל חשבון, וואס ווערסטו האבן צי דער איז גערעכט צי יענער איז גערעכט? גארנישט! נו פארוואס זאלסטו אוועק געבן דיינע טעג און יארן פאר מחלוקת וכו', ענדערש געב דיין צייט פאר זאכן וואס וועט מיט דיר בלייבן אויף אייביג. אז דו ווערסט מחנך זיין דיינע קינדער, דו ווערסט שמועסן מיט זיי, שפילן מיט זיי, דאס וועט איבערבלייבן פון דיר.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא קטז.): ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט און לאזט איבער קינדער וואס לערנען תורה איז כְּאִילוּ לֹא מֵת, אזוי ווי עס שטייט (מלכים-א כא, יא): "כִּי שָׁכַב דָּוִד עִם אֲבֹתָיו, וְכִי מֵת יוֹאָב שַׂר הַצָּבָא", פארוואס ביי דוד המלך שטייט "שָׁכַב דָּוִד" און ביי יואב שטייט "מֵת יוֹאָב"? ווייל דוד המלך האט איבערגעלאזט קינדער צדיקים, הייסט עס נישט ווי ער איז געשטארבן נאר כאילו ער שלאפט, אבער אז מען לאזט נישט איבער קינדער וואס גייען בדרך

התורה, דעמאלט ווען דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט איז ער א טויטער מענטש.

איך האב ערהאלטן די וואך א בריוו פון א מיידל; זי וויינט זיך אויס איר הארץ אז אירע עלטערן מאכן חוזק פון איר, זיי קלאפן איר אראפ מיט דעם וואס זי איז גראב. אנשטאט די עלטערן זאלן איר מחזק זיין און איר דערהייבן אז עס איז גארנישט אויב מען איז גראב, מען קען שיין חתונה האבן אפילו מען איז נישט דאר וכו׳, אנשטאט זיי זאלן איר מוטיגן אז דער עיקר איז די מידות טובות וכו׳, זאגן זיי איר: "דו וועסט חתונה האבן מיט א בלינדער בחור, וואס וועט נישט זען ווי אזוי דו זעסט אויס"; דער בריוו האט מיר זייער אויפגעשאקלט, וואס טראכטן די עלטערן? וואס ווילן זיי פון זייער אומשולדיגע טאכטער? עס האט דאך נישט מיט איר דאס וואס זי זעט אזוי אויס, זי וויל אסאך מער פון אירע עלטערן אויסקוקן גוט, שיין און דאר, ווי מעג מען ווייי טון קינדער? ווי מעג מען צעברעכן קינדער און שרייען טאג און נאכט "גראבער"?! זי ווערט דאך פון דעם צעקלאפט און צעבראכן; נישט נאר דאס וועט נישט העלפן אז זי זאל עסן וויניגער, נאר דאס וועט איר נאך מער צעברעכן, דאס וועט איר מאכן פאר א קאליקע מיידל און זי וועט טאקע נישט קענען חתונה האבן רחמנא לצלן.

ווען מען וויל העלפן א קינד פארלירן וואג וכו׳ קען מען דאס נישט טון דורך צווינגען ווייל דאס וועט נאר ערגער מאכן; ממה נפשך, קומט דאס פון א געזונט פראבלעם איז דאך דאס נישט דעם קינד׳ס פראבלעם, איז זי גארנישט שולדיג, ווי מעג מען ווייי טון א קינד און טשעפען מיט מיאוס׳ע לשונות ווי "גראבער" ווען עס איז פשוט א געזונט פראבלעם וכו׳ און אויב איז עס מחמת עצבות ומרה שחורה, זי עסט ווייל זי איז צוגעלייגט וכו׳, וועט מען זיכער נישט אויף טון מיט דעם וואס מען וועט איר דערשרעקן אז זי וועט נישט טרעפן קיין שידוך, דאס וועט מאכן זי זאל מער עסן וכו׳.

אז מען רודפ׳ט א קינד וועט דער קינד זיך איין טאג אויפהייבן און אנטלויפן; וויפיל עלטערן וויינען ווען זייער קינד וויל נישט אהיים קומען, זייער זון אדער טאכטער דרייט זיך מיט שלעכטע חברים און חבר׳טעס, דער אייבערשטער זאל אפהיטן אלע אידישע קינדער מען זאל נישט וויסן פון קיין צער. זייער אסאך מאל זענען די עלטערן אליינס שולדיג ווייל זיי דערנידערן זייער קינד מיט מיאוס׳ע

ווערטער: "גראבער", "פוילער", "משוגע'נער", וכו', ביז דער קינד וויל זיך פשוט ראטעווען פון ווערן א קאליקע, אנטלויפט מען פון שטוב; מען זוכט א פלאץ וואו מען קען אטעמען. וויפיל אידישע קינדער וואלגערן זיך אין די גאסן, עס איז ממש מקוים געווארן דער פסוק וואס שטייט (איכה ד, א): "תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת", עס וואלגערן זיך אידישע נשמות אויף די גאסן; וויפיל פון דעם זענען שולדיג די עלטערן אליינס צוליב דעם וואס זיי טשעפען זייערע קינדער.

חינוך איז זייער א וויכטיגע זאך, אבער מען טאר נישט ווי טון קיין קינדער; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יבמות עט.) אידן האבן דריי סימנים: "רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים"; דאס הייבט זיך אן אין שטוב מיט די קינדער. עס זענען דא מענטשן וואס שטעלן זיך אהער ווי שיינע אידן אויפן גאס, מען העלפט יעדן איינעם - די שכנים, משפחה, חברים, מען געבט אכטונג אויף יענעמס קינדער, אבער די אייגענע קינדער צעקלאפט מען.

אויף קיין שום פאל טאר מען נישט רופן א קינד מיט א צי נאמען, ווי גראבער, פוילער, משוגע'נער; דער רמב"ם זאגט (פרק ג' מהלכות תשובה, הלכה יד): אויב איינער מאכט א צי נאמען פאר זיין חבר, אדער איינער רופט א חבר מיט א צי נאמען - אֵין לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא; דאס איז געזאגט געווארן אויך ביי אייגענע קינדער. ווי קען א איד רופן זיין אייגן קינד "גראבער"?! ווי קען א אידישע מאמע ווײ טון איר אייגן קינד מיטן דאס רופן מיט מיאוס'ע נעמען?!

איך בעט דיר טייערע..., מיר זענען געקומען צום רבי'ן דארפן מיר פאלגן דעם רבי'ן; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", ווער עס האט נישט רחמנות אויף זיינע קינדער איז א סימן אז ער האט נישט קיין שכל; געב אכטונג ווי אזוי דו רעדסט אין שטוב. מען טאר קיינמאל נישט טשעפען אדער ווײ טון קינדער; אפילו זיי זענען נאך קליין טאר מען זיי נישט געבן א צי נאמען וכו'.

מיר שטייען היינט אינעם יארצייט פון מוהרא"ש. מענטשן פרעגן מיר: וואס האט דיר געברענגט קיין ברסלב? וואס האט דיר געפעלט פאר דעם? וואס האסטו געטראפן אין ברסלב? איך האב שטענדיג געוואלט זיין אן ערליכער איד; אלץ בחור ווען איך פלעג הערן מעשיות פון צדיקים פלעג איך באקומען א בענקעניש

אז איך וויל אויך זיין אן ערליכער איד, אבער איך האב פארשטאנען אז מען קען נישט האבן סיי דער וועלט און סיי יענער וועלט. איך פלעג טראכטן צו מיר: 'וואס טו איך דא?' פון איין זייט וויל איך זיין אן ערליכער איד, אבער פון דער אנדערע זייט האב איך געמיינט אז דאס קען נאר זיין אויב מען איז א פרוש, מען איז אפגעזונדערט פון דער וועלט; נאר אז מען אנטלויפט פון שטוב וכו', נאר אויב מען רעדט וואס ווינציגער אין שטוב מיט די ווייב און קינדער - קען מען זיין אן ערליכער איד, אין אנדערע ווערטער - די ווייב און קינדער איז א שטער אויף רוחניות, די ווייב און קינדער מוז מען האבן בדיעבד וכו'.

ביז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב געטראפן דעם ספר "אשר בנחל, חלק כז" און מיין לעבן האט זיך אנגעפאנגען; איך האב געזען דעם רבינ'ס וועג, אז א מענטש קען זיין דא אויף דער וועלט מיט א ווייב און קינדער, מיט א שיינע הויז, מיט א שיינע קאר וכו' וכו' און זיין דבוק אינעם אייבערשטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה א, טו) בית שמאי און בית הלל קריגן זיך וואס איז קודם באשאפן געווארן, די הימל אדער די ערד; בית שמאי האלטן אז קודם האט דער אייבערשטער באשאפן די הימל און נאכדעם די ערד, און בית הלל זאגן אז קודם האט דער אייבערשטער באשאפן די ערד און נאכדעם די הימל, קומט רבי שמעון בן יוחאי און זאגט: "תָּמֵהַּ אֲנִי, הֵיאַךְ נֶחְלְקוּ אָבוֹת הָעוֹלָם, בֵּית שַׁמַּאי וּבֵית הִלֵּל, עַל בְּרִיאַת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ?! אֶלָּא שֶׁאֲנִי אוֹמֵר: שְׁנֵיהֶם לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא כְּאִלְפָּס וְכִיסוּיָהּ" איך וואונדער זיך אויף די גרויסע צדיקים, וואס איז די מחלוקת? דער אייבערשטער האט באשאפן די הימל און דער ערד צוזאמען, אזוי ווי א טאפ מיט איר דעקל.

דאס איז געווען ביי מוהרא"ש א יסוד היסודות; מוהרא"ש איז מסביר דעם חז"ל זייער שיין. בית שמאי האלטן אז קודם איז באשאפן געווארן די הימלען, וואס דאס ווייזט אויף רוחניות, צו ווייזן פארן מענטש אז דער עיקר איז נאר 'שמים' - זיין א 'הימל מענטש' זיין אויסגעטון פון דער וועלט, ווידער די בית הלל זאגן: ניין, קודם איז באשאפן געווארן די ערד, צו ווייזן אז מען דארף זיין דא אויף דער ערד און נאכדעם גייט מען צום הימל, קומט רבי שמעון בן יוחאי און זאגט: "איך פארשטיי נישט וואס איז די גאנצע מחלוקת, מען קען זיין דא אויף דער וועלט, האבן א לעבן, און אין די זעלבע צייט זיין אויבן - טראכטן פונעם

אייבערשטן, דאווענען און לערנען; מען קען זיין אויבן - דבוק צום אייבערשטן, דאווענען און לערנען און אין די זעלבע צייט זיין אויף דער ערד - חתונה האבן, האבן קינדער און זיי מפרנס זיין וכו'; דאס איז געווען מוהרא"ש און דאס איז האט ער אריין געברענגט אין אונז, אז מען קען זיין אן ערליכער איד אפילו מען ארבעט און מען פארברענגט מיט א ווייב וכו' וכו'.

דאס האט מיר געברענגט צום הייליגן רבי'ן און דאס פראביר איך אריין צו ברענגען אין מיינע תלמידים; א אינגערמאן האט חתונה דארף ער זיין אין שטוב, נישט דא קיין כולל חצות, נישט דא קיין כולל ערב, נישט דא גארנישט - האסט חתונה געהאט זיי אין שטוב; רעד מיט דיין ווייב, רעד מיט דיינע קינדער, העלף ארויס דיין ווייב. ווילסט לערנען? לערן אין שטוב; ווילסט מאכן התבודדות? מאך עס אין שטוב.

איך בעט דיר נאכאמאל, געב אכטונג ווי אזוי דו רעדסט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (חולין יז:): "רַב בָּדִיק בְּלִישְׁנֵיהּ"; מען קען דערקענען אויף א מענטש לויט זיין רעדן ווער ער איז. אויב רעדט מען איידל זעט מען אז דער מענטש איז אן ערליכער איד, און אז נישט זעט מען גלייך מיט וועמען מען האט דא צו טון.

מענטשן מיינען אז מען קען זיך אהער שטעלן ווי א שיינער איד פון אינדרויסן און אין שטוב רצח'נען די קינדער; א אכצן יעריגע מיידל האט מיר גערופן חנוכה (וויפיל מעשיות איך הער קען איך נאך אלץ נישט פארגעסן די מעשה פון חנוכה), זי האט ביטערליך געוויינט אז איר טאטע שלאגט איר מכות רצח און ער שרייט אויף איר אלע מיאוס'ע ווערטער; זי זאגט מיר ווער איר טאטע איז, אז עס לאזט זיך פשוט נישט גלייבן, א מענטש וואס שטעלט זיך אהער ווי אן איש מכובד, א רב וכו', זאל אזוי רעדן צו זיינע קינדער. דאס מיידל איז אויפגעשטאנען דריי אזייגער פארטאגס צו ריפן קיין אמעריקא צו בעטן אן עצה.

איך האב אביסל מאריך געווען אין די בריוו, אבער גלייב מיר, איך האב נאך נישט אנגעהויבן צו שרייבן, ווייל אז מען קוקט וואס טוט זיך היינט אפ, וויפיל קינדער פאלן אוועק רחמנא לצלן, וויפיל אינגלעך און מיידלעך ווילן נישט אהיים קומען, זיי טרעפן זיך שלעכטע חברים ביז זיי גייען אוועק פונעם דרך התורה,

בשעת ווען מען וואלט ווען געקענט איינשפארן אלע פראבלעמען, טוט דאס זייער וויי.

שבת איז א צייט פון שלום, א צייט פון ליבשאפט; דער הייליגער אריז"ל זאגט (ליקוטי תורה, פרשת כי תשא) אז די ראשי תיבות פון וְשָׁמְרוּ בְ׳נֵי יִ׳שְׂרָאֵל אֶ׳ת הַ׳שַּׁבָּת איז בִּיאָה, צו ווייזן אז שבת דארף מען זיין צוזאמען מאן און ווייב; שבת איז א צייט פון זיך אפגעבען מיט די קינדער. גרייט דיר אן שיינע מעשיות וואס צו שמועסן מיט די קינדער ביי די סעודה; געדענק, קינדער זענען אזוי ווי ביימער, מען דארף זיי באוואסערן, און ווי מער מען טרינקט זיי אן, וועלן זיי שענער וואקסן.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י"ז שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער חבר ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פארן מנדב זיין די יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זכר צדיק לברכה.

וויפיל מיר זאלן נאר רעדן פון מוהרא"ש, קען מען נישט ענדיגן צו דערציילן ווער מוהרא"ש איז געווען. מיר דארפן נאך מאכן מוהרא"ש און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ׳ס עצות פאר די גאנצע וועלט.

ווען מען זאלן מאכן א סירוועי און אויס פרעגן אלע מקורבים אין ברסלב ווי אזוי אלע זענען מקורב געווארן צום הייליגן רבי"ן, וועט מען זען אז רובם ככולם זענען מקורב געווארן דורך מוהרא"ש וואס האט געדרוקט און פארפלייצט צענדליגער מיליאנען ספרים און קונטרסים פון הייליגן רבי"ן. און אפילו די וואס זענען מקורב געווארן דורך אנדערע מנהיגים אין ברסלב, דארף מען פרעגן שטילערהייט די מנהיגים ווי אזוי זיי זענען מקורב געווארן צום הייליגן רבי"ן,
~~~~~~~~~~

וועט מען זען אז מוהרא״ש האט זיי אלע מקרב געווען. דו אליינס האסט מיר פארציילט אז דו ביסט מקורב געווארן צום הייליגן רבי׳ן דורך א ספר פון מוהרא״ש ז״ל.

מזל טוב פאר דיין שידוך מיט דיין טאכטער; דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן אסאך נחת פון אים און פון אלע דיינע קינדער. דיין חתן האט מיר געזאגט ביים תנאים אז ער האט שוין מסיים געווען כמה פעמים ששה סדרי משנה און ער גייט שוין מסיים זיין ש״ס בבלי - אלעס בזכות דעם ״סדר דרך הלימוד״ פון הייליגן רבי׳ן; דער גרינגער וועג וואס דער רבי האט אונז געגעבן צו לערנען די הייליגע תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י״ז שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פארן מיר העלפן אנגרייטן אזא שיינע סעודה לכבוד די יארצייט פון מוהרא״ש זכר צדיק וקדוש לברכה. עס איז געווען זייער א שיינע מסיבה און אלע האבן זייער הנאה געהאט.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז בזכות וואס דו העלפסט מיר אזוי געטריי, דו האסט אהער געשטעלט אזא שיינע סעודה און ווער רעדט נאך פון דעם וואס דו האסט אראפ גענומען פון מיר דעם לחץ פון צאלן רענט פאר די ישיבה און פאר די מיידל סקול; דו מיט האברך היקר ... נרו יאיר, זאלסטו בקרוב טרעפן דיין זיווג און אויף שטעלן א בית נאמן בישראל, אמן.

...

~~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י"ז שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד אונזער חשוב'ע מנהלת מרת ... תחי'**

איך האב געהערט וואס האט פאסירט מיט אייך, אז איינער פון די עלטערן פון אונזער מוסד האבן אייך מבזה געווען אויף א מיאוס'ער אופן וכו'. האב איך געקלערט אז איך וועל אייך שרייבן אפאר חיזוק ווערטער.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה י, ב) אויפן פסוק (ישעיהו ו, ח): "וָאֶשְׁמַע אֶת קוֹל ה' אֹמֵר, אֶת מִי אֶשְׁלַח וּמִי יֵלֶךְ לָנוּ", ישעיהו הנביא האט געזאגט: "איך האב שפאצירט ביי מיר אין בית המדרש, פלוצלינג הער איך ווי דער אייבערשטער זאגט: "ווער זאל איך שיקן צו די אידן מיט א נבואה? איך האב זיי געשיקט דעם נביא עמוס - האבן די אידן חוזק געמאכט פון אים, זיי האבן געזאגט: קען דען זיין אז דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן עמוס צו זיין א נביא, ער האט דאך נישט קיין קלארע דיבור?! וואס צוליב דעם הייסט ער עמוס, ווייל ער איז געווען "עָמוֹס בִּלְשׁוֹנוֹ" - ער האט נישט גערעדט קלאר; האב איך זיי געשיקט א צווייטע נביא - מיכה, ער זאל זיי זאגן נביאות, האבן די אידן אים געשלאגן, אזוי ווי עס שטייט (מיכה ד, יד): "בַּשֵּׁבֶט יַכּוּ עַל הַלְּחִי אֵת שֹׁפֵט יִשְׂרָאֵל"; ווער קען איך שיקן צו די אידן?" האט ישעיהו הנביא געזאגט: "וָאֹמַר הִנְנִי שְׁלָחֵנִי", איך בין מסכים צו גיין, האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "בָּנַי טַרְחָנִים הֵם, סַרְבָּנִים הֵם, מְקַבֵּל אַתָּה עָלֶיךָ לִלְקוֹת וּלְהִתְבַּזּוֹת מֵהֶם?" מיינע קינדער זענען שווערע קינדער, זיי זענען ווידערשפעניגערס, דו קענסט באשטיין צו זיין זייער נביא אפילו זיי וועלן דיר שלאגן און פארשעמען? האט ישעיהו הנביא געענטפערט: "עַל מְנַת כֵּן", מיט דעם אלעם בין איך מסכים, האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "וועסטו זיין מער ווי אלע נביאים".

זעט פון דעם אז ווען א מענטש נעמט זיך אונטער צו זיין א מנהיג פאר אידישע קינדער דארף ער זיין גרייט "עַל מְנַת לִלְקוֹת וּלְהִתְבַּזּוֹת מֵהֶם", אז מען גייט אים פארשעמען און בארעדן. אויף די וועלט וועט ער גארנישט האבן פון דעם וואס ער צערייסט זיך פאר א צווייטן, פארקערט, אויף דער וועלט וועט מען רעדן אויף אים און אים פארשעמען וכו', אבער אויבן אין הימל איז זיין שכר גאר גרויס אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא ח:): אויפן פסוק (דניאל יב, ג):

"וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת". איינער וואס לערנט תורה מיט אידישע קינדער איז צוגעגליכן צו די שטערנס פון דער וועלט.

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט דאס זייער שיין מסביר זיין; אז פונקט אזוי ווי מען קען נישט ציילן די שטערנס פון דער וועלט, אזוי קען מען נישט ציילן וויפיל זכותים א מלמד האט, ווייל ער פלאנצט איין אין די קינדער תורה ויראת שמים און אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן.

וויסן זאלט איר א כלל אין לעבן, ווען איינער שרייט אויף א צווייטן, ווען איינער איז אייך מבזה - האט דאס גארנישט צו טון מיט אייך, נאר דאס איז יענעמס פראבלעם. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עירובין סה:): "בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר, בְּכוֹסוֹ וּבְכִיסוֹ וּבְכַעֲסוֹ", מען דערקענט א מענטש וואס ער איז - לויט ווי אזוי ער רעדט; אויב עלטערן האבן א טענה צום מוסד, דארפן זיי רעדן צום מלמד אדער צום מנהל, אבער אז יענער שרייט מיאוס'ע ווערטער האט דאס גארנישט צו טון מיט אייך, דאס איז יענעמס אייגענע פראבלעם און איר דארפט דאס נישט נעמען צום הארצן. דערפאר זאלט איר זיך שטארקן און ווייטער ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עוז צו מחנך זיין אונזערע קינדער.

מען דארף אנזאגן די טיטשערס אז אויב א מיידל פירט זיך נישט אויף אזוי ווי עס דארף צו זיין - בפרט ווען עס קומט צו דרך ארץ ומידות טובות, דארף די מיידל באקומען א קנס, אבער ווען מען קנס'עט דארף מען עס טון מיט ישוב הדעת, מען דארף זיך אריין לייגן אינעם קינד'ס שיך; מען געבט א לייכטע קנס און ווען די מיידל זעט אז מען רעכנט זיך מיט אירע געפילן וויל זי נאכדעם זיין גוט און וואויל.

איך זאג שטענדיג פאר די מלמדים: "עס איז נישט דא אזא זאך ווי ארויס שטעלן קינדער קלאצן אינדרויסן פון כיתה". אויב א מלמד שטעלט ארויס יעדן צווייטן טאג קינדער צו זיצן אינדרויסן פון כיתה, דארף מען ארויס שטעלן דעם מלמד וכו'. איך צאל נישט קיין געהאלט פאר מלמדים זיי זאלן זיצן אין כיתה און די קינדער זאלן זיי ארויס שיקן אינדרויסן, איך צאל זיי א געהאלט זיי זאלן האלטן יעדן איינציגן קינד אין כיתה און לערנען מיט יעדן איינעם. און אז ער קען זיך נישט אן עצה געבן וכו' זאל ער מוחל זיין זוכן א צווייטע ארבעט.

ווער איז א גוטער מלמד? איינער וואס נעמט די לעבעדיגע קינדער, די געזונטע קינדער וואס שפרינגען און טאנצן און ער געבט זיך מיט זיי אן עצה. א מלמד וואס לערנט נאר מיט די בטלנ'ישע קינדער, ער געבט זיך אן עצה מיט די קינדער וואס קענען זיך סיי ווי נישט עפענען דאס מויל וכו' - דער איז נישט קיין מלמד, ווייל אויף צו לערנען מיט די קינדער דארף מען אים נישט האבן. ווען א מלמד האט א גוטע שפראך מיט די לעבעדיגע קינדער, ער נעמט די קינדער וואס הייסן מחוצפים און ער מאכט זיי פאר זיינע בעסטע קינדער - דאס הייסט א מלמד.

איך בין געווען א מלמד במשך פינף יאר פאר דרייצן יעריגע קינדער - כיתה ט'; איך פלעג זען ווי קינדער זיצן אינדרויסן פון כיתה א גאנץ יאר, האב איך געטראכט 'וואס וועט שוין זיין ווען זיי וועלן אנקומען צו מיר? ווי אזוי וועלן איך זיך אן עצה געבן מיט זיי?' למעשה ווען זיי זענען אריין געקומען אין כיתה ט' האב איך זיי גענומען און זיך אפגעגעבן מיט זיי ביז זיי זענען געווארן די מצוינים אין כיתה. דאס קען מען באשטעטיגן ביי אלע מיינע תלמידים; די עלטערן האבן דאס ממש נישט געקענט גלייבן, וואס הייסט, זייער מחוצף, זייער קינד וואס דארף שוין טערעפי איז געווארן די בעסטע קינד אין כיתה...

ווען א קינד פארגעסט עפעס צו ברענגען פון שטוב, קען מען נישט זאגן פארן קינד "גיי אהיים"; א מלמד וואס שיקט אהיים קינדער אינמיטן טאג דארף ער אהיים געשיקט ווערן (חוץ פון דעם וואס דאס איז נישט קיין אחריות, ווייל דער קינד קען זיך דרייען אויפן גאס). יעדער מענטש קען פארגעסן צו ברענגען עפעס. איך בין שוין כמעט פערציג יאר און איך קען אויך פארגעסן וויכטיגע זאכן וואס דארפן ווערן געטון. א מענטש איז א מענטש און א קינד איז א קינד; דער מלמד האט א פליכט צו זוכן מיט זיין פארשטאנד א וועג ווי אזוי ער קען מאכן אז דער קינד זאל געדענקען צו ברענגען וואס ער דארף ברענגען.

גלייבט מיר אז איך קען אייך מחזק זיין, ווייל איך גיי אריבער אביסל וואס איר גייט אריבער - און נאך מער; וויפיל מאל טראכט איך צו מיר 'מה לי ולצרה הזאת?' באשעפער אין הימל, וואס דארף איך ארבעטן מיט מענטשן בפרט מיט בחורים, וואס ווער עס ווייסט און ווער עס טוט מיט בחורים ווייסט וואס דאס איז; דו קענסט ארבעטן מיט א מענטש און זיך אוועק געבן פאר יענעם - דיין לעבן, דיין צייט, דיין אייגענע ווייב און קינדער, אין ביים סוף כאפט מען א ביס פון אים.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש תנחומא פרשת נח, ט) אויפן פסוק (בראשית ז, כג) "וַיִּשָּׁאֶר אַךְ נֹחַ"; שֶׁאִיחֵר מְזוֹנוֹת לָאֲרִי וְהִכִּישׁוֹ, נח האט זיך אביסל פארשפעטיגט צו געבן עסן פארן לייב, האט אים דער לייב געביסן. פונקט אזוי ווי נח וואס האט זיך מוסר נפש געווען א גאנץ יאר פאר אלע חיות און בהמות זיי צו געבן עסן אין די תבה, און איין טאג האט ער זיך אביסל פארשפעטיגט צו געבן עסן פארן לייב, האט ער געכאפט א ביס, אזוי איז מיט מענטשן; דו קענסט ארבעטן פאר זיי, זיך צערייסן פאר זיי פשוטו כמשמעו שלא על מנת לקבל פרס און נאכדעם שפייט מען דיר אין פנים.

דערפאר, אז מען האט אייך אזוי פארשעמט וכו', בעט איך אייך איר זאלט נישט טראכטן קיין איין רגע פון אפלאזן חס ושלום אייער הייליגע ארבעט, ווייל ווען עס איז באשערט פאר איינעם א בזיון קען מען זיך פון דעם נישט ארויס דרייען, אפילו איר וואלט נישט געהאט צו טון מיט מענטשן וואלט די בזיון אויך געקומען. געלויבט דעם אייבערשטן אז די בזיון איז נישט פון שטוב וכו', עס איז פון אינדרויסן. אודאי טוט וויי אז מען געבט זיך אוועק פאר מענטשן, מען ארבעט מיט יענעמס קינדער, וואס עס איז נישט דא נאך אזא שווערע ארבעט ווי ארבעטן מיט קינדער; עלטערן ווען קיינמאל נישט וויסן וואס א מלמד אדער א טיטשער גייען אריבער איין טאג אין כיתה, די עלטערן קענען זיך קוים אן עצה געבן מיט זייער קינד, בשעת דער מלמד האט אין כיתה נישט איין קינד נאר א גאנצע קלאס וכו' און ווער רעדט נאך פון א מנהל/מנהלת וואס טראגט די אחריות פון אלע כיתות. אודאי טוט דאס וויי וכו', אבער אז מען טראכט פונעם אייבערשטן, מען טראכט: 'איך ארבעט נישט פאר קיינעם, איך בין בלויז א שליח פונעם אייבערשטן צו העלפן אידישע קינדער', דעמאלט נעמט מען דאס נישט אזוי צום הארצן.

איר פארט דאך יעצט קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון און קיין ארץ ישראל צו אלע מקומות הקדושים און קיין יבניאל, זאלט איר מתפלל זיין אז מיר זאלן האבן גוטע מלמדים און גוטע טיטשערס פאר אונזער קינדער. איך בעט יעדן איינציגן טאג דעם אייבערשטן אז מיר זאלן האבן גוטע מלמדים און גוטע טיטשערס, איך בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן אז ער זאל מיר העלפן מיר זאלן האבן תלמידים הגונים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות למוד, סימן ע): "צָרִיךְ

לְהִתְפַּלֵּל, שֶׁיִּזְכֶּה לְתַלְמִידִים הֲגוּנִים״, מיר זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן א דור פון סאלדאטן פארן אייבערשטן.

מוהרא״ש האט מיר געשריבן אין א בריוו אז איך זאל זיך מתוודה זיין יעדן טאג פארן אייבערשטן, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות דרך, חלק ב׳, סימן א): ״עַל יְדֵי וִידּוּי דְבָרִים גּוֹרְמִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת שֶׁלּוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה״, אז מען איז זיך מתוודה, געבט דער אייבערשטער גוטע און ערליכע מלמדים; דאס טו איך יעדן טאג - נישט איין מאל און נישט צוויי מאל וכו׳. און ברוך השם אז מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער אזוי ווי דער רבי האט געוואלט.

איך האב גערעדט צו די עלטערן פאריגע חודש ביי די חינוך אווענט, אז אויב מען האט עפעס וואס צו זאגן לגבי די מוסד וכו׳ זאל מען רעדן מיט די טיטשער אדער מנהלת, די שענסטע זאך איז אז מען רעדט זיך דורך, אבער שרייען, פארשעמען און רעדן מיאוס׳ע ווערטער - דאס איז נישט קיין וועג, דאס איז יענעמס אייגענע פראבלעם. יענער דארף תשובה טון אויף דעם און אייך איבער בעטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה מיט אלע תלמידות. איר זאלט האבן א גרינגע רייזע און פועל׳ן אלעס גוטס.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור אין ישיבה, איך וויל זיך צושטעלן צו די סדרים און זיין וואויל, אבער פון די אנדערע זייט האב איך מורא אז אנדערע בחורים וועלן מיר אראפקוקן און פארשעמען אז איך בין א נעבעך אז איך שטעל זיך צו צו אלע פארלאנגען פון מיין ראש ישיבה און די משגיחים.

יישר כח.

דוב

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת יתרו, י"ב שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד דוב נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו ווילסט זיך צושטעלן צו אלעס וואס מען פארלאנגט אין ישיבה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה", די ערשטע זאך איז דרך ארץ און מידות טובות; א בחור וואס פירט זיך מיט דרך ארץ צו זיינע מגידי שיעורים און ראשי ישיבות איז א סימן אז ער האט יראת שמים און ער וועט מצליח זיין אין לעבן. ביים רבי'ן איז געווען א גרויסער יסוד דרך ארץ ומידות טובות, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: "ווען קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע תלמידים, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ".

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.) אויפן פסוק (דברים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - "שֶׁיְּהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ", א מענטש דארף זען אז דורך אים

זאלן מענטשן ליב האבן דעם אייבערשטן; ווען א מענטש לערנט די הייליגע תורה און ער איז משמש תלמידי חכמים, אויב פירט ער זיך אויף מיט דרך ארץ, וואס זאגן מענטשן? "אַשְׁרֵי אָבִיו, אַשְׁרֵי רַבּוֹ, שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", וואויל זענען זיינע עלטערן און וואויל איז פאר זיינע רבי'ס וואס האבן אים געלערנט תורה. ווידער פארקערט, ווען מען זעט א מענטש וואס לערנט נישט, זאגט מען: "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", ווי איז פאר די מענטשן וואס לערנען נישט קיין תורה; קוק ווי שיין דער מענטש וואס לערנט תורה פירט זיך אויף, אויף אים איז געזאגט געווארן דער פסוק (ישעיהו מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דער אייבערשטער זאגט: "איך בארים זיך מיט דיר". אבער דער וואס פירט זיך נישט אויף מיט דרך ארץ, וואס זאגן מענטשן? "אוֹי לוֹ לִפְלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה, אוֹי לוֹ לְאָבִיו וּלְרַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", ווי פאר אים און ווי פאר זיינע עלטערן און רבי'ס וואס האבן אים געלערנט וכו'; עיין שם.

ווען דיינע חברים וועלן זען ווי דו שטעלסט זיך צו צום סדר הישיבה וועלן זיי דיר נישט טשעפען, פארקערט מען וועט דיר מכבד זיין און שעצן, דו וועסט טרעפן חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם. די אלע בחורים וואס זאגן אז מען טשעפעט זיי אין ישיבה וכו', זייער אסאך מאל זענען זיי זיך אליינס ווערד דאס געלט, זיי רייצן זיך מיט בחורים און זאגן מוסר פאר חברים, וואס דאס מאכט אז אלע זאלן זיך נעמען אויף אים.

אז א בחור דינט דעם אייבערשטן, ער לערנט און דאווענט, ער איז נישט פארנומען מיט א צווייטנס רוחניות - וועט אים קיינער נישט טשעפען. אין ברסלב האט מען זייער אכטונג געגעבן אויף א צווייטנס גשמיות און אויף די אייגענע רוחניות.

זוך דיר נישט צו זיין דער משגיח אויף די בחורים און לויף נישט פארציילן יעדע מאל ווען די בחורים זענען אביסל לעבעדיג וכו'; גיי דיר דיין וועג וועט דיר קיינער נישט שטערן.

די בחור'ישע יארן זענען פון איין זייט זייער שווער, ווייל מען ווארט אויף א שידוך און דער יצר הרע ברענט און פלאקערט וכו', אבער פון די אנדערע זייט, אויב א בחור ניצט אויס זיינע יונגע יארן קען ער זוכה זיין צו זייער שיינע זאכן.

אלס בחור האט מען נאך נישט דעם עול הפרנסה, קינדער וכו׳, מען קען זיצן און לערנען און ענדיגן כל התורה כולה.

דער רבי האט אונז געגעבן א ״סדר דרך הלימוד״ (שיחות הר״ן, סימן עו) וואס איז א דבר השוה לכל נפש, יעדער איינער קען זוכה זיין צו לערנען און מסיים זיין די גאנצע תורה דורך דעם סדר. בפרט א בחור, אויב האט ער שכל און ניצט אויס זיינע טעג און יארן, קען ער אין א קורצע צייט אנקומען גאר אסאך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

נאכאמאל א גרויסן יישר כח פאר די טייערע שיעורים וואס זענען ממש כמים קרים על נפש עייפה.

איך זע נאבאלץ נישט קיין גאנצע ישועה מיט מיין זון וואס האט ליידער אוועק געגליטשט, כאטש וואס איך לערן מיט אים אויפ'ן טעלעפאן יעדן טאג משניות, ווייס איך האב אבער נישט וואו ער האלט מיט זיין אידישקייט און מיט'ן היטן שבת.

אמאל פלעג איך זייער אסאך וויינען צום אייבערשטן איבער דעם, מיינע אויגן פלעגן ממש ווי טון פון אזויפיל וויינען, אבער יעצט האב איך מער נישט קיין כח צו וויינען, איך בעט טאקע אסאך דעם אייבערשטן, אבער אן קיין וויינען.

און איך טראכט צו זיך אז אויב האבן די שטורעמישע תפלות מיט גרויס געוויין נישט געקענט אויפטון און ברענגען די גאנצע ישועה, ווי אזוי וועלן די פשוטע תפלות יא העלפן?

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

אפרים

**תשובה:**
~~~~~~~~~~

**בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת יתרו, י״ב שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד אפרים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳, סימן קיב): ״וְהַמַּשְׂכִּיל הַמֵּבִין יֵשׁ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל כָּל יָמָיו שֶׁיִּזְכֶּה פַּעַם אֶחָד כָּל יְמֵי חַיָּיו לְדַבֵּר דִּבּוּר אֶחָד שֶׁל אֱמֶת לִפְנֵי ה׳ כָּרָאוּי״, א מענטש דארף א גאנץ לעבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל זוכה זיין צו מתפלל זיין כאטש איין אמת׳ע תפילה אין זיין לעבן; אבער דער רבי זאגט נישט א סימן מען זאל וויסן ווען מען איז זוכה צו די אמת׳ע תפילה.

קיינער ווייסט נישט ווען די אמת׳ע תפילה קומט ארויס פונעם מענטש; א מענטש מיינט אז ווען מען גיסט זיך אויס דאס הארץ וכו׳ איז דאס זייער חשוב ביים אייבערשטן, אבער ווען מען איז פארמאכט און מען קען אפילו נישט וויינען, קוים וואס מען קען ארויס זאגן א ווארט, דאס איז נישט חשוב. עס איז נישט אזוי; אמאל קען זיין אז דוקא ווען דער מענטש איז אזוי צעקלאפט וכו׳, ער דאווענט און בעט דעם אייבערשטן טרוקענערהייט וכו׳, דעמאלט קומט ארויס פון אים א דיבור אמת.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן צה): ווען א מענטש דאווענט צום אייבערשטן זאל ער נישט טראכטן: ׳ווען גיי איך שוין אביסל וויינען?׳ ׳ווען גיי איך קענען בעטן מיט טרערן?׳ ווייל דאס אליינס איז מחשבות זרות; נאר ווען מען דאווענט דארף מען טראכטן פון וואס מען זאגט און נישט וועלן גארנישט אפעס אנדערש. חוץ פון דעם זאגט דער רבי, אז אויב מען ווארט צו וויינען וועט מעןביידע נישט האבן - נישט דאס וויינען און נישט דאס דאווענען.

דערפאר זאלסטו זיך נישט מבלבל זיין צי דו וויינסט יא, צי דו וויינסט נישט; דו זאלסט ווייטער בעטן דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף דיין קינד ער זאל תשובה טון. קוק נישט אויף די אלע מחשבות וכו׳ וואס דאס קומט פונעם יצר הרע. דער יצר הרע האט זייער מורא פון תפילה, דערפאר זוכט ער צו מבלבל זיין דעם מענטש מיט אלע סארט קאפ דרייענישן וכו׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

## שאלה:

לכבוד הרה"ג רבי יואל ראטה שליט"א,

שלום וברכה, איך בין דער בחור וואס האט געפרעגט וועגן א אינגערמאן וואס שלעפט מיך צו נישט איידעלע זאכן. א גרויסן יישר כח פאר אייער תשובה.

איך וויל אבער קלארער מסביר זיין מיין סיטואציע אז דער ראש ישיבה זאל בעסער פארשטיין מיין מצב. יענער האט בילדער און ווידיאס פון מיר וואס ער קען מיר סטראשן מיט דעם און מיר אריינלייגן אין גרויסע פראבלעמען, איך ווייס פון אנדערע וועלכע האבן אסאך געליטן פון די סארט זאכן. למעשה איז יענער א שיינער באלעבאס און איך בין אן אפגעריסענער בחור פון א משוגענע שטוב, און מ'וועט זיכער יענעם גלייבן מער פון מיר. זאל איך טאקע קוקן אויף גארנישט און שפרינגען אין וואסער אריין?

ווער גייט מיר גלייבן, ווער גייט זיך אננעמען פאר מיר אין פאל פון נויט? ס'איז גענוג אז איך פיל זיך א שמאטע אונטער יענעם, איך פיל זיך ווי יענעמ'ס חפץ מיך צו ניצן פאר זיינע תאוות... איך בין גארנישט ווערד פאר מיך אליין... און דער אמת איז אז איך וויל זיך ארויסרייסן פון אים, איך וויל אזוי שטארק... איך וויין אסאך מאל אין בעט און איך וויל זיין געלונגען און צופרידן, אבער וואס זאל איך טון אז מיין גורל איז אזוי?! - ווי אזוי קען איך זיך העלפן?

מיין שאלה איז נאכאמאל צי אייער עצה איז טאקע אז איך זאל אויף גארנישט קוקן און זיך נישט רעכענען מיט די קאנסעקווענצן? איך רעד שוין נישט פון געלט וואס איז אמת'דיג א נושא פאר זיך, איך האב ממש נישט געהאט קיין געלט פאר וועש אנצוטון איידער איך האב זיך פארפלאנטערט מיט אים, זאל איך טאקע ארייּנשפרינגען און נישט קוקן אויף גארנישט? דער ראש-ישיבה נעמט אחריות אויב עפעס וועט געשען חלילה?

מיט דאנק פאר אייער פריערדיגע ענטפער, און איך קוק ארויס אויף אן ענטפער אויף דעם יעצטיגן בריוו.

## תשובה:
~~~~~~~~~~

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת יתרו, י"ג שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך זע אז דו פארשטייסט נאך אלץ נישט אין וואסערע סכנה דו געפונסט זיך; נישט געגנוג וואס דער שגץ האט געטון מיט דיר וכו' האט ער דיר אויך צוגענומען דיין מח אז דו קענסט שוין נישט טראכטן גראד.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ק): אויפן פסוק (בראשית לט, יב): "וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ", דער יצר הרע כאפט א מענטש מיט זיינע קליידער, ער מאכט אז דער מענטש זאל זיין פארנומען מיט קליידער וכו', אבער ווער עס האט שכל, דער קוקט נישט אויף גארנישט. זאגט דער רבי: "אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לוֹ בֶּגֶד לִלְבֹּשׁ, אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ מַטְרִיד עַצְמוֹ בָּזֶה וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל בָּזֶה", אפילו ער האט נישט קיין קליידער אנצוטון, קוקט ער אויף גארנישט, "וְזֶהוּ 'וַיַּנַּח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ וַיָּנָס', שֶׁמֵּנִיחַ בִּגְדוֹ וּמַלְבּוּשׁוֹ וְנָס וּבוֹרֵחַ מֵהֶם וְאֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ כְּלָל עַל זֶה, רַק עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדַת ה' כְּפִי מַה שֶּׁיָּכוֹל", דאס איז פשט אין פסוק; יוסף הצדיק איז אנטלאפן איבערלאזנדיג זיינע קליידער, ער האט אויף גארנישט געקוקט.

איך בעט דיר ברחמים, אנטלויף פון אים! אז נישט וועט דיר זיין זייער ביטער, ווייל פונעם אייבערשטן קען מען זיך נישט באהאלטן. האק אפ אלע דיינע פארבינדונגען וואס דו האסט מיט אים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, סימן י): "לֹא תִּכָּנֵס עִם פִּתּוּיֶיךָ בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן, כִּי אֲרִיכַת הַרְגָּשַׁת הַחוֹשֵׁב אֲפִלּוּ לִבְחִינַת הַשּׁוֹלֵל, תִּפְעַל הַגְבָּרַת הַחֵפֶץ, וְתִתְהַפֵּךְ הָרָצוֹן אֵלָיו", מען זאל נישט רעדן מיט איינעם וואס וויל אריין שלעפן אין עבירות - נישט לטוב און נישט לרע; נישט זאגן איך גיי טון און אויך נישט זאגן איך גיי נישט טון, ווייל דאס עצם רעדן מיט א מניוול איז סכנות נפשות.

מען דארף וויסן אז א זאך וואס די תורה לאזט נישט טון - טוט מען נישט, אן קיין הסברים און אן קיין תירוצים. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, חלק ב', סימן ג): "מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ", ווער עס אנטלויפט פון א צרה איז קלוג; עס איז נישט דא נאך אזא צרה ווי די צרה אין וואס דו געפינסט זיך. אנטלויף פון דעם

רשע מרושע און האק אפ אלע קשרים וואס דו האסט מיט אים, געדענק אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס ווייסט אלעס און זעט אלעס און מען קען זיך נישט באהאלטן פון אים.

אז דו ווילסט באמת ארויס קריכן פון דיינע שמוציגע מעשים נעם דעם רבינ׳ס עצה און אז דו וועסט פאלגן דעם רבי׳ן קענסטו נאך ארויס קריכן פון דיינע עקעלדיגע מעשים. די עצה פאר דעם איז תורה, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן יט): ״אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער ליגט שוין אין שאול תחתית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״, אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג ״כך וכך״ וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ווען דער רבי האט דאס געזאגט האט ר׳ נתן געפרעגט דעם רבי׳ן (חיי מוהר״ן, סימן תקעג): ״צי תורה קען אויך העלפן אזא איינעם וואס איז אראפ געפאלן אין די ביטערע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן״, האט דער רבי אים געענטפערט: ״דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז? תורה איז העכער פון אלעס; אפילו א מענטש האט פוגם געווען אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, אויב דער מענטש וועט יעדן טאג לערנען תורה, ער וועט זיך מאכן א קביעות צו לערנען ׳כך וכך׳, וועט ער ווערן אן ערליכער איד״; זעט מען אז תורה קען יעדן איינעם העלפן, און יעדן צוריק ברענגען צום אייבערשטן.

בדרך כלל די אלע וואס זענען אראפ געפאלן אין ביטערע עבירות, בפרט אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, האבן שוין נישט קיין מח צו פארשטיין לערנען, ווייל דער מח איז זיי פארברענט געווארן פון די עבירה. די איינציגסטע וועג פאר זיי איז אז זיי זאלן נעמען דעם רבינ׳ס דרך הלימוד (כמבואר בשיחות הר״ן סימן עו) און גורס זיין אסאך פרקים משניות, אפילו בלי הבנה כלל, דאס וועט זיי ארויס שלעפן פון זייער פלאנטער און זיי אפהאלטן פון זייער רגילות.

דאס איז דער איינציגסטער וועג פאר דיר ארויס צו קריכן פון דיינע מעשי תועבה אין וואס דו האסט זיך מרגיל געווען השם ישמרינו, איך האף אז דו וועסט פאלגן וואס איך שרייב דיר און תשובה טון.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם וויל איך זיך באדאנקען פאר'ן קונטרס "עצתו אמונה", וואס איך האב באקומען פון א חבר, עס האט מיך זייער שטארק מחיה געווען און געגעבן עצות אויף אסאך זאכן.

איך האב א חבר, א זעכצן יעריגער בחור וואס ארבעט א האלבע טאג און א האלבע טאג זיצט ער אין ישיבה. די וואך דערציילט ער מיר אז א סעילסמאן, א פרייער איד, פון איינע פון די קאמפאניס וואס ברענגען סחורה צו די פלאץ וואו ער ארבעט, איז געווארן זייער גוט מיט אים אין ער שמועסט אסאך מיט אים, און בתוך הדברים פרעגט ער אים קשיות אויף די אמונה. אויך וויל אים יענער ארויסנעמען צו רעסטוראנטס פאר נאכטמאל.

איך פארשטיי אז דאס איז זייער נישט גוט פאר אים, און ער איז א תמים און ער כאפט נישט די גרוב וואס ער גראבט זיך אליין. איך האב פרובירט אים מסביר צו זיין, אבער ער האט בכלל נישט פארשטאנען וואס איז דער פראבלעם, ער פריידט זיך אז איינער געבט אים אויפמערקזאמקייט.

וואס נאך קען איך טון אים צו העלפן און ראטעווען?

א גרויסן יישר כח.

שמעון

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת יתרו, י״ג שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד שמעון נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי אים מחזק ער זאל האבן איינעם אין לעבן וועם ער זאל פרעגן יעדע זאך, זיי אים מחזק ער זאל זיין מקושר צו אן ערליכן איד, א דיין, א רב, אדער זיין ראש ישיבה, פון וועם ער זאל פרעגן זיינע שאלות און מיט וועם ער וועט זיך שפירן באקוועם צו רעדן און פארציילן וואס עס גייט אריבער אויף אים.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ, עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה, שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", ווער עס פרעגט אלע זיינע ספיקות פון זיין רבי און אפילו דער רבי פארשעמט אים פרעגט ער ווייטער אלע זיינע ספיקות, וועט ער זוכה זיין צו האבן קינדער וואס וועלן זיין גרעסערע תלמידי חכמים ווי זיין רבי; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ד.): דוד המלך פלעגט פרעגן זיין רבי מפיבושת: מְפִיבֹשֶׁת רַבִּי, יָפֶה דַּנְתִּי? יָפֶה חִיַּבְתִּי? יָפֶה זִכִּיתִי? יָפֶה טִהַרְתִּי? יָפֶה טִמֵּאתִי? וְלֹא בּוֹשְׁתִּי"; דערפאר האט ער זוכה געווען צו האבן א זון וואס איז געווען גרעסער אין לערנען פון זיין רבי.

ווען דו רעדסט מיט א חבר און דו זעסט אז ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין און דו טראכסט צי דו זאלסט אים זאגן מוסר אדער נישט, דארפסטו געדענקען אז די וויכטיגסטע זאך איז אים צו מחזק זיין ער זאל האבן שייכות מיט אן ערליכער איד, זיך מיט אים דורך רעדן און פרעגן זיינע שאלות. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ה): "וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד"; מען דארף יעדע זאך פרעגן און זיך נישט שעמען.

יעצט צום עצם שאלה, צי ער זאל ארויס גיין עסן מיט דעם סעילסמאן וכו'; דאס איז דער וועג ווי אזוי דער יצר הרע כאפט אריין אידישע קינדער. אזוי ווי דער רבי דערציילט אין די מעשה פונעם חכם ותם (ספורי מעשיות, מעשה ט): "ווען דער חכם האט באקומען די בריוו פון דער שליח פונעם קעניג האט ער געמאכט א גרויסע סעודה און אינמיטן די סעודה האט דער חכם אנגעהויבן צו רעדן קעגן די אמונה", עיין שם; דאס איז דער וועג פון דער יצר הרע, ער מאכט א סעודה און דעמאלט ברענגט ער אריין ספיקות אין די אמונה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה ח.): אויב מען גייט עסן מיט א גוי א סעודה, "אַף עַל פִּי שֶׁאוֹכְלִין מִשֶּׁלָּהֶן וְשׁוֹתִין מִשֶּׁלָּהֶן", אפילו דער איד ברענגט זיך מיט זיינע אייגענע כשר'ע עסן, "מַעְלָה עֲלֵיהֶם הַכָּתוּב כְּאִילוּ אָכְלוּ מִזִּבְחֵי מֵתִים", רעכנט דאס די תורה ווי דער איד עסט פלייש וואס מען האט מקריב געווען פאר עבודה זרה, אזוי ווי עס שטייט (שמות לד, טו): "וְקָרָא לְךָ וְאָכַלְתָּ מִזִּבְחוֹ". פון ווען דער גוי רופט דיר צו עסן מיט אים, רעכנט מען דאס שוין "כְּאִילוּ אָכְלוּ מִזִּבְחֵי מֵתִים" - ווי ער דינט עבודה זרה.

ליידער פאלן אזוי אוועק היינטיגע טעג זייער אסאך אינגעלייט. מען גייט ארויס עסן מיט גוים - כלומר'יש פאר ביזנעס; מען פארברענגט און מען שמועסט צוזאמען, נאכדעם הייבן זיי אן פרעגן זייערע קושיות, זיי מאכן ליצנות, ביז מען פאלט אוועק פון די אמונה.

דער אייבערשטער זאל שוין רחמנות האבן אויף אונז און שיקן דעם גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן ישר כח פאר אלע אייערע שיעורים, עס העלפט מיר זייער אסאך אין מיין לעבן.

איך האב געוואלט פרעגן אויב מען מעג שבת מאכן התבודדות, צו בעטן דעם אייבערשטן און וויינען צום אייבערשטן אום שבת, אדער טאר מען שבת נישט וויינען און בעטן?

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת יתרו, י"ג שבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

**עס ווערט גע׳פסקנ׳ט** (שלחן ערוך אורח חיים, סימן רפח, בטורי זהב סעיף קטן ב) **אז אויב איינער האט הנאה ווען ער וויינט, ער שפירט זייער גוט נאכדעם וואס ער רעדט זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטער און טוט תשובה וכו׳ - מעג ער וויינען שבת, ווייל דאס איז זיין עונג שבת; דערפאר איז נישט קיין שום פראבלעם זיך צו מתבודד זיין אום שבת קודש.**

**דער רבי זאגט** (ספר המידות, אות תפילה, סימן מח)**: ״שַׁבָּת וְרֹאשׁ חֹדֶשׁ יוֹתֵר מְסֻגָּל לְהַעֲלוֹת הַתְּפִילָּה״, שבת איז א צייט וואס אלע תפילות גייען ארויף צום אייבערשטן; דערפאר, וואויל איז דעם מענטש וואס ניצט אויס די צייט פון שבת קודש זיך מתבודד צו זיין מיטן אייבערשטן, ער דערציילט פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף אים וכו׳ וכו׳, דער וועט זוכה זיין צו אלע גוטע זאכן.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

...

~~~~~~~~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט מוז איך זיך באדאנקען פאר די פילע חיזוק וואס איך נעם פון אייערע שיעורים, דער אייבערשטער זאל אייך ווייטער געבן כח אנצוגיין.

איך האב אייך געוואלט בעטן אן עצה ווי אזוי איך קען זיך האלטן פרייליך אין די צייט וואס מיינע עלטערן רודפ'ן מיר זייער אסאך אינדערהיים. איך בין נישט דאר, און מיינע עלטערן הערן נישט אויף מיר צו סעקירן אויף דעם, און שרייען אויף מיר אז איך וועל קיינמאל נישט קענען חתונה, איך וועל נאר קענען חתונה האבן מיט א בלינדער בחור, ווייל ער וועט נישט זען ווי גראב איך בין. און דאס טוט מיר זייער שטארק וויי.
~~~~~~~~~~

בכלל באקום איך זייער וויניג קאמפלימענטן פון זיי, נאר אויב איך קען זיין ממש הונדערט פראצענט גוט, אבער קריטיק האלט איך אין איין הערן, מ'פארשעמט מיך און מ'שרייט מיר נאך מיט צונעמען, און מיינע ברידער העלפן נאך ארויס מיר צו רופן מיט אלע סארט צונעמען.

ווען איך בין אינדערהיים שפיר איך ממש ווי אין גהינום, איך פיל אז איך האלט עס מער נישט אויס. מיין חבר'טע האט מיר געזאגט ווענן אייך, אז איך זאל אייך שיקן א בריוו דערוועגן, אפשר וועט איר מיר קענען ארויסהעלפן אין מיין קלעם.

א גרויסן יישר כח

א מיידל פון לאנדאן

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך קען ממש נישט קומען צו זיך הערנדיג די צער וואס איר גייט אריבער וכו׳ אז מען טשעפעט אייך מיט א זאך וואס האט נישט צו טון מיט אייך. עס זענען דא מענטשן וואס פארדייען בעסער דאס עסן און עס זענען דא מענטשן וואס זייער גוף פארדייט נישט אזוי שטארק דאס עסן.

זארגט נישט פאר אייער שידוך ווייל א שידוך האט נאר מיטן אייבערשטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה סח, ג): ״מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִווּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, מיר געפונען אין די תורה און נביאים און אין כתובים אז א שידוך האט נאר מיטן אייבערשטן, אין די תורה שטייט (בראשית כד, נ): ״וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר״, אין נביאים שטייט (שופטים יד, ד): ״וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה׳ הִיא״ און אין כתובים שטייט (משלי יט, יד): ״בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת״, זעען מיר איבעראל אז נאר דער אייבערשטער איז דער וואס געבט שידוכים.

זארגט גארנישט פאר אייער שידוך, בעטס דעם אייבערשטן אז איר זאלט זוכה זיין צו האבן א זיס לעבן און זיסע קינדער. יעדעס מאל איר גייט אריבער א בזיון פון אייערע עלטערן, זיי טשעפענען אייך אז איר וועט נישט חתונה האבן וכו׳, זאלט איר שטילערהייט מאכן א תפילה צום אייבערשטן: "**רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל האבן א גוטע לעבן, א ערליכע מאן און געזונטע קינדער, העלף מיר אייבערשטער איך זאל זיין פרייליך**"; יעדעס מאל מען טוט אייך וויי, מען שרייט אויף אייך מיאוס׳ע ווערטער, זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן פאר אנדערע אידן וואס גייען אריבער צער און עגמת נפש.

וויסן זאלט איר אז ווען א מענטש האט א בזיון קען ער אויס׳פועל׳ן גרויסע ישועות, ער האט א גרעסערע כח אין הימל פון סיי ווער, ווייל דער אייבערשטער איז זייער נאנט צו א מענטש וואס זיין הארץ איז אים צעבראכן, אזוי ווי עס שטייט (תהילים לד, יט): "קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב"; דערפאר, יעדעס מאל ווען איר האט א בזיון זאלט איר בעטן פאר אידישע קינדער; בעטס פאר אלע וואס ווארטן אויף קינדער, בעטס פאר אלע וואס דארפן א רפואה, ווייל דער אייבערשטער נעמט אן זייער שנעל די תפילה פון א צעבראכענעם הארץ.

איך בעט אייך נאכאמאל, האט נישט מורא, איר וועט נישט באקומען א בלינדער חתן. אויב איר וועט זיין שטארק און איר וועט זיך דערהאלטן, וועט איר נאך חתונה האבן שענער ווי אייער גאנצע משפחה.

איך שרייב אייך א קליינע תפילה וואס איר זאלט בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג:

"הייליגער באשעפער, איך דאנק דיר פאר אלע חסדים וואס דו טוסט מיט מיר, איך דאנק דיר אז איך בין געזונט, איך דאנק דיר פאר מיין שיינע לעבן. אייבערשטער, איך האב א זאך וואס שטערט מיר זייער שטארק, מיינע עלטערן טשעפענען מיר אז איך גיי נישט טרעפן א שידוך ווייל איך בין גראב, זיי זאגן מיר כסדר אז קיינער גייט נישט וועלן חתונה האבן מיט מיר נאר א קראנקע בחור און דאס צעברעכט מיר זייער שטארק; וואס קען איך טון? איך קען אויך באשטיין אויסצוקוקן גוט, אבער יעדעס מאל וואס איך מאך אפ אז איך גיי אכטונג געבן וואס איך עס, איז עס מיר מורא׳דיג שווער. העלף מיר אייבערשטער אז איך זאל

נישט מורא האבן פון קיינעם, איך זאל זיין שטארק אין אמונה און איך זאל וויסן אז מיין שידוך איז נאר אנגעהאנגען אין דיר. העלף מיר אז מיינע עלטערן זאלן מיר נישט צעברעכן, העלף מיין טאטע מאמע אז זיי זאלן האבן פרנסה און אלעס וואס זיי דארפן אז זיי זאלן נישט שרייען אויף מיר און זיי זאלן מיר נישט וויי טון.

הייליגער באשעפער, נעם אן מיינע בזיונות און זיי מיר מוחל אויף אלעס וואס איך האב געטון אין מיין לעבן און העלף אלע אידן, יעדער זאל האבן פרנסה, געזונט און נחת פון זייערע קינדער", אזוי זאלט איר בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן, וועט איר זען אז אלעס וועט זיך איבערדרייען לטובה.

איך שרייב אייך א בריוו וואס איר זאלט איבערגעבן פאר אייערע עלטערן.

...

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד...**

איך האב ערהאלטן א בריוו פון אייער טאכטער ווי זי וויינט זיך אויס איר הארץ אז איר מאכט פון איר חוזק און איר קלאפט איר כסדר אראפ מיט דעם וואס זי איז גראב; איר זאגט איר אז זי וועט חתונה האבן מיט א בלינדער בחור וואס וועט נישט זען ווי אזוי זי זעט אויס.

איך טראכט אז אפשר כאפט איר נישט אז ווען איר רעדט אזוי צו אייער טאכטער הרג'ט איר אייער טאכטער, זי ווערט פון דעם צעקלאפט און צעבראכן. נישט נאר אז דאס וועט נישט העלפן זי זאל עסן ווייניגער, נאר דאס וועט איר נאך מער צעברעכן און איר מאכן פאר א קאליקע מיידל אז זי וועט טאקע נישט קענען חתונה האבן רחמנא לצלן.

ווען מען וויל העלפן א קינד צו פארלירן וואג וכו' קען מען דאס נישט טון מיט צווינגען, דאס וועט נאר ערגער מאכן, ווייל ממה נפשך, קומט דאס פון א געזונטהייט פראבלעם איז דאס דאך נישט דעם קינד'ס פראבלעם און זי איז גארנישט שולדיג, איז ווי מעג מען וויי טון א קינד און טשעפען מיט מיאוס'ע לשונות ווי "גראבער", ווען עס איז פשוט א פראבלעם וכו'. און אויב איז עס

מחמת עצבות ומרה שחורה, וואס ווי באקאנט ווען א מענטש איז צוגעלייגט קען ער אסאך מאל צונעמען וואג וכו', וועט איר זיכער נישט אויף טון מיט דעם וואס איר וועט איר דערשרעקן אז זי וועט נישט טרעפן קיין שידוך, דאס וועט בלויז מאכן אז זי זאל מער עסן וכו'.

כאפט אייך באצייטנס פאר איר וועט איר אינגאנצן פארלירן; וויפיל עלטערן וויינען אז זייער קינד וויל נישט אהיים קומען און דרייט זיך מיט שלעכטע חבר'טעס, דער אייבערשטער זאל אפהיטן אלע אידישע קינדער מען זאל נישט וויסן פון קיין צער. זייער אסאך מאל זענען די עלטערן אליינס שולדיג ווייל זיי דערנידערן זייער קינד מיט מיאוס'ע ווערטער: גראבער, פוילער, משוגע'נער וכו'; ביז דער קינד וויל זיך פשוט ראטעווען פון ווערן א קאליקער, אנטלויפט מען פון שטוב און מען זוכט א פלאץ וואו מען קען אטעמען. וויפיל אידישע קינדער וואלגערן זיך אין די גאסן, עס איז ממש מקוים געווארן וואס שטייט (איכה ד, ח): "חָשַׁךְ מִשְּׁחוֹר תָּאֳרָם לֹא נִכְּרוּ בַּחוּצוֹת, צָפַד עוֹרָם עַל עַצְמָם יָבֵשׁ הָיָה כָעֵץ", עס וואלגערן זיך אידישע נשמות אויף די גאסן וואס מען דערקענט זיי שוין נישט אז זיי זענען בכלל אידן, וויפיל פון די קינדער זענען די עלטערן שולדיג אויף זייער מצב ווייל זיי טשעפען זייערע קינדער...

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יבמות עט.) אז די אידן האבן דריי סימנים: "רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים"; דאס הייבט זיך אן אין שטוב מיט די קינדער, אז עלטערן דארפן רחמנות האבן אויף די קינדער, אויף א טאטע וואס האט נישט רחמנות אויף זיינע קינדער זאגט דער רבי (ספר המידות, אות בנים, סימן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", דאס איז א סימן אז ער האט נישט קיין שכל; עס זענען דא מענטשן וואס שטעלן זיך אהער ווי שיינע אידן אין גאס, מען העלפט יעדן איינעם, מען נעמט אריין יענעמס קינדער, אבער די אייגענע קינדער רצח'ט מען מיט די גרעסטע רציחה.

איך האף אז איר וועט זיך כאפן באצייטנס, איר וועט פארעכטן ווי אזוי איר רעדט, וועט איר זוכה זיין צו האבן נחת פון אייערע קינדער, אמן.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מיידל פון לאנדאן, ענגלאנד. און איך בין זיך מחיה מיט אייערע שיעורים אויפ'ן טעלעפאן, ווי אויך מיט די בריוו וועלכע געבן אזויפיל עצות און הדרכה אין לעבן.

איך האב לעצנטס געהאט א מעשה אז א מיידל פון מיין קלאס האט זיך אויסגערעדט איר הארץ פאר מיר אז זי לייד זיך צוזאם זייער שטארק אינדערהיים, אירע עלטערן שרייען גאר אסאך אויף איר, און וויפיל זי טוט נאר פאר זיי, זענען זיי קיינמאל נישט צופרידן. אויך האט זי זיך מיר אפגערעדט אז אירע עלטערן פארשעמען איר זייער אסאך אויף דעם וואס זי איז נישט גענוג דאר, און זיי זאגן איר אז זי וועט קיינמאל נישט קענען טרעפן א שידוך אזוי. זי שפירט ממש ווי אין גיהנום ווען זי איז אינדערהיים.

איך האב ממש רחמנות געהאט אויף איר, וואס זי מאכט נעבעך מיט אזוי סאך, איך האב פרובירט איר מחזק צו זיין, און אזוי ווי איך האב שוין געליינט אסאך בריוו ווי איר זענט מחזק אידישע קינדער, האט איך איר גע'עצה'ט אז זי זאל אייך שרייבן א בריוו, אפשר וועט זי באקומען חיזוק פון אייך, זי האט אבער נישט געוואלט שרייבן, דעריבער שרייב איך אייך דעם בריוו. אפשר קענט איר שרייבן עטליכע ווערטער פאר די מיידל איר מחזק צו זיין אין איר מצב וואס זי גייט אריבער.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע״ח לפרט קטן**

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר האט איר מחזק געווען, זי האט מיר געשריבן א בריוו.

איך מיין אז איר זאלט פארציילן די מעשה פאר אייער טיטשער אדער מנהלת, אפשר קענען זיי מחזק זיין די מיידל און איר בארואיגן אז זי וועט טרעפן א שידוך און עס איז נישט עק וועלט ווי אזוי זי זעט אויס וכו׳. אפשר וועלן זיי רעדן צו
~~~~~~~~~~

אירע עלטערן און זיי אויפמערקזאם מאכן אז זייער טאכטער איז זייער צעבראכן אז מען שרייט אויף איר וכו׳.

אז דער אייבערשטער האט געפירט אז זי האט זיך פאר אייך אויסגערעדט איר הארץ וכו׳ דארפט איר געדענקען וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מכילתא שמות יב, ז): ״מִצְוָה הַבָּאָה לְיָדְךָ אַל תַּחְמִיצֶנָּה״, אז עס קומט אונטער א מצוה זאל מען עס גלייך טון; דערפאר, אז די מיידל האט גענומען די קוראזש צו רעדן צו אייך, דארפט איר רעדן מיט איר און איר מחזק זיין אז א שידוך האט נישט צו טון ווי אזוי מען זעט אויס וכו׳, נאר אז א שידוך דארף ווערן וועט זיך דער גאנצע וועלט איבערדרייען אז דער שידוך זאל צושטאנד קומען. דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט, אז אמאל מאכט דער אייבערשטער א מלחמה צווישן צוויי לענדער נאר צוליב א שידוך וואס דארף ווערן; ווייל דער חתן וואוינט אין איין מדינה און די כלה וואוינט אין אן אנדערע מדינה אוןביידע ווילן נישט זוכן א שידוך אין דער פרעמד, זיי ווילן נאר א שידוך פון זייער לאנד, מאכט דער אייבערשטער א מלחמה וכו׳ ביז דער שידוך ווערט.

יידער דרייען זיך ארום נישט איין אזא מיידל צווישן מיידלעך, נאר הונדערטער אדער גאר טויזענטער מיידלעך וואס זענען ביי זיך אין הארץ אזוי צעקלאפט, יעדער מיט זיין מעשה; איינעם טשעפעט מען אז זי איז נישט אזוי דאר, א צווייטן טשעפעט מען אז זי איז נישט אזוי געלונגען ווי די שוועסטער, דער דריטער טשעפעט מען ווייל זי איז נישט אזוי שיין וכו׳. איז וואויל פאר א מיידל וואס זוכט אויף די סארט מיידלעך און שפילט מיט זיי, שפאצירט מיט זיי און רעדט מיט זיי. אפילו זיי נאר אויסהערן ווי זיי רעדן זיך אויס, ווייזן מיטלייד און זיי מחזק זיין זיי זאלן זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**שאלה:**
~~~~~~~~~~

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם וויל איך אייך זאגן יישר כח פאר די חיזוק דרשות וואס איך הער פון אייך טעגליך, דאס איז פאר מיר ווי געזאלץ וואס העלפט מיר ווייטער אנגיין אין לעבן.

ספעציעל האב איך זיך געוואלט באדאנקען פאר די נעכטיגע דרשה וואס איר האט גערעדט וועגן זיך היטן פון שלעכטע חברים. וואס זאל איך אייך זאגן? איך בין געווארן אומגליקליך ביי די 9 יאר דורך א שלעכטער חבר, איך האב נאך דאן נישט פארשטאנען בכלל וואס דאס איז, און ביז ווען איך האב זיך געכאפט אז איך טו זאכן וואס מען טאר נישט, איז שוין געווען צו שפעט, איך בין שוין געליגן צו טיף אין בלאטע, און איך האב זיך שוין נישט געקענט ארויסזען דערפון.

איך האב ב"ה שיין חתונה געהאט, איך האב אבער א טויטע לעבן, די נארישע תאוות לויפן מיר נאך, און איך האב ממש נישט קיין לעבן. ווען איך וואלט געקענט רעדן צו יונגע אינגלעך און בחורים וואלט איך אזוי געשריגן אז דער דאך וואלט איינגעפאלן, איך וואלט זיי געזאגט אז זיי זאלן זיך היטן פון שלעכטע חברים ווי פון פייער, ווייל אויב וועלן זיי זיך נישט היטן וועלן זיי פארפאלן ווערן אויף אייביג, איך רעד שוין ברוחניות נאר אפילו בגשמיות וועלן זיי מער נישט קענען האבן קיין שום הנאה אין לעבן, זייער לעבן וועט זיך ענדיגן אויף אייביג, זיי וועלן קיינמאל מער נישט קענען לעבן ווי א נארמאלער מענטש אויף דער וועלט.

איך וויל אז איר זאלט דאס איבערגעבן פאר די בחורים, ווי שטארק מען דארף זיך היטן. פון אינדרויסן זע איך אויס ווי א נארמאלער מענטש, אבער אינעווייניג בין איך אינגאנצן צעפליקט און צעריסן, פיל מאל טראכט איך ממש פון ענדיגן מיין לעבן, אבער ס'שטייט דאך אז בעל כרחך אתה חי.

איך בין שוין געווען ביי אזויפיל מענטשן אבער קיינער האט מיר נישט געקענט העלפן, מיין איינציגסטער טרייסט איז נאר אייערע שיעורים און חיזוק יומי וואס שטופט מיר צו גיין גלייך צום אייבערשטן און זיך אויסוויינען צו אים, נאר דאס בארואיגט מיר, נאר דאס קען מיר העלפן. די חיזוק פון אייך בלאזט אריין אין מיר א פרישע גייסט.

איך וואלט אייך זייער מכיר טובה געווען אויב איר קענט מיר שרייבן אפאר ווערטער חיזוק.

א טויטע-לעבעדיגער אינגערמאן

## תשובה:

### בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען א מענטש זינדיגט אין פגם הברית ווערט ביי אים אויסגעלאשן די אמונה, מען שפירט זיך געגעוי אזוי ווי דו חתמ'עסט זיך אונטער דיין בריוו: "א טויטע לעבעדיגער אינגערמאן"; מען שפירט טעם מיתה אין לעבן, מען הייבט אן טראכטן כל מיני שלעכטע מחשבות און מען הייבט אן האבן ספיקות וכו'.

דער פסוק זאגט (ישעיהו א, ד): "הוֹי גּוֹי חֹטֵא עַם כֶּבֶד עָוֹן זֶרַע מְרֵעִים, בָּנִים מַשְׁחִיתִים, עָזְבוּ אֶת ה', נִאֲצוּ אֶת קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל נָזֹרוּ אָחוֹר", דער פסוק גייט ארויף אויף די עבירה פון פגם הברית, אז חוץ פון די גרויסע עבירה וואס מען טוט מיט בָּנִים מַשְׁחִיתִים רחמנא לצלן, הייבט מען אן ווערן אויסגעלאשן, מען שפירט מער נישט קיין אלוקית און מען גייט ארום צעקלאפט און צעבראכן וכו' - "עָזְבוּ אֶת ה' נִאֲצוּ אֶת קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל, נָזֹרוּ אָחוֹר", מען שפירט זיך דערווייטערט פונעם אייבערשטן וכו'.

צו די אלע מענטשן קומט דער רבי און שרייט צו זיי (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עח): "גיוואלד, זייט אייך נישט מייאש, קיין יאוש איז גארנישט פאראהנען"; דער רבי לאזט זיך אראפ און מאכט זיך כאילו ער איז אונזער חבר, אזוי ווי מען זעט ביי משה רבינו (שמות יח, ז): "וַיִּשְׁאֲלוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ לְשָׁלוֹם", זאגט רש"י (שם): "אֵינִי יוֹדֵעַ מִי הִשְׁתַּחֲוָה לְמִי, כְּשֶׁהוּא אוֹמֵר אִישׁ לְרֵעֵהוּ, מִי הַקָּרוּי 'אִישׁ', זֶה מֹשֶׁה שֶׁנֶּאֱמַר 'וְהָאִישׁ מֹשֶׁה'", איך ווייס נישט ווער איז דער 'איש' און ווער איז דער 'רעהו', אבער וויבאלד עס שטייט "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד", ווייס איך אז משה איז דער איש און יתרו איז דער רעהו; זאגט ר' נתן (לקוטי הלכות, הלכות בכור בהמה טהורה הלכה ד', אות כב): משה רבינו איז דאך געווען דער גרעסטער מענטש אויף דער וועלט, ער האט מקבל געווען די תורה פונעם אייבערשטן אליינס, לאידך גיסא - יתרו איז געווען א כומר, א גלח, א טמא'נער געצן דינער, דאך שטייט אז משה רבינו האט באגריסט "רעהו" זיין חבר. זעט מען פון דא אז דער צדיק לאזט זיך אראפ צו אלעמען, אפילו צו אונז פשוט'ע מענטשן, מגושמים, אין די פלאץ וואו מיר ליגן אין וואס מיר טוהן און ער איז אונז מקרב צום הייליגן באשעפער.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט 'התבודדות'; אז א מענטש זאל גיין אין א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און זיך אויסרעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, ער זאל פארציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף אים. ווען א מענטש זאגט פארן אייבערשטן אז ער וויל זיין ערליך; ער וויינט צו אים: **"רבונו של עולם, וואס זאל איך טון אז דער יצר הרעווארפט מיר אראפ נאכאמאל און נאכאמאל? וויפיל מאל איך נעם זיך פאר צו זיין וואויל פאל איך נאכאמאל אראפ!"** דורכדעם נעמט ער אראפ פון זיך אלע עונשים; דער אייבערשטער איז אים מוחל און נעמט אים צוריק.

בפרט א מענטש וואס דער יצר הרע האט אים געפאנגען אין זיין נעץ, ער זינדיגט אין די מיאוס'ע עבירה פון פגם הברית. וואס באמת וויל דער מענטש זיין ערליך, ריין און הייליג, אבער עס גייט אים נישט, ער האלט אין איין אראפפאלן אין די עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, ביז עס ווערט אים נמאס דאס לעבן און ער גייט ארום מיט שלעכטע מחשבות כאילו דער אייבערשטער איז ברוגז אויף אים; אזא מענטש, ווען ער קומט צום אייבערשטן און גיסט זיך אויס דאס הארץ, נעמט דער אייבערשטער אלע זיינע תפילות און ער איז זוכה אויסצומעקן אלע קליפות ומשחיתים וואס ער האט באשאפן דורך זיינע מעשים.

דערפאר, אז דו ביסט אזוי איינגעזינקען אין בלאטע וכו' נאכדעם וואס שוין צענדליגער יארן זינקסטו אין דיינע בלאטעס וכו' - פאלג דעם רבי'ן; גיי אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און דארט זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, פארצייל אים אלעס וואס עס גייט אריבער אויף דיר, פארצייל אים אלע שלעכטע מחשבות וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר, בעט אים: **"רבונו של עולם האב רחמנות אויף מיר, איך וויל זיין אן ערליכער איד, וואס זאל איך טון אז איך האלט אין איין אראפפאלן?! איך שפיר אז איך ווער פארברענט, די תאות ניאוף פלאקערט אין מיר אז איך האלט עס שוין נישט אויס. איך האלט אין איין אריין פאלן אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, איך בין אזוי צעבראכן אז דער לעבן איז מיר שוין נמאס. רבונו של עולם האב אויף מיר רחמנות; העלף מיר, לייג אריין אין מיר א רוח טהרה, געב מיר כח, העלף מיר אז איך זאל גלייבן אין דיר, איך זאל שפירן אז דו האסט מיר**

**ליב. דער יצר הרע רעדט מיר איין אז דו ביסט אויף מיר ברוגז, איך גיי ארום מיט נארישע מחשבות, איך רעד מיר איין אז דו דארפסט מיר נישט וכו'".**

וויסן זאלסטו אז עס איז נישט דא אזא זאך אז א מענטש איז שוין פארפאלן, אפילו דו שרייבסט אז דו ביסט אזוי פארזינקען אין דיינע שלעכטע מעשים וכו' וכו', דאך האט דער רבי גוטע עצות ווי אזוי מען קען ארויס קריכן פון בלאטע. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדוּשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם", אפילו א מענטש איז נעבעך אריין געפאלן אין די הענט פונעם יצר הרע, ער איז שוין אראפגעפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כַּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִים בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך", וועט ער סוף כל סוף ארויסגיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

ווען דער רבי האט געזאגט דעם שיחה הנ"ל ווי גרויס תורה איז, האט ר' נתן געפרעגט דעם רבי'ן צי דאס איז אויך געזאגט געווארן פאר איינעם וואס איז אראפגעפאלן אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן. האט אים דער רבי געזאגט: "דו ווייסט ווי גרויס דער כח פון תורה איז?! תורה איז העכער פון אלעס, תורה איז בתפארת און ברית איז ביסוד. דאס הייסט, אפילו דער מענטש וואס האט פוגם געווען בברית, ער האט קאליע געמאכט דעם יסוד וכו', אויב וועט ער לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה וואס איז בתפארת, וועט ער אלעס מתקן זיין און ווערן אן ערליכער איד"! (חיי מוהר"ן, סימן תקעג).

יעצט גיי זאג פאר א מענטש וואס ליגט אין ביטערע עבירות: "לערן"; ווי קען אזא מענטש לערנען, ער האט דאך נישט קיין מח?! ווייל געווענליך די אלע וואס זענען אריין געפאלן אין די הענט פונעם יצר הרע און זענען נכשל געווארן מיט די עבירה פון פגם הברית הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, די האבן בדרך כלל פארלוירן זייער כח פון קאנצעטרירן, זייער מח איז נישט מסודר און מיושב,

אפילו זיי וועלן זיצן ביי א שיעור וואו מען לערנט תורה וועט זייער קאפ אוועק פארן וכו', צו זיי קומט דער רבי מיט א וואונדערליכע סדר דרך הלימוד.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מען דארף נישט פארשטיין ווען מען לערנט, מען דארף נאר זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה און צום סוף וועט מען פארשטיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, וואס דאס אליין - אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט אז עס זאל זיין שווער צו פארשטיין דאס לערנען, נאר מען זאל בלויז זאגן די ווערטער כסדרן און מען וועט פון זיך אליינס פארשטיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" און אויב מען פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל, וועט מען עס פארשטיין ביים צווייטן מאל און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל, איז אויך גארנישט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל דאס לערנען אליינס איז גרעסער פון אלעם, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וכו'", ווייל אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל לערנט מען דאך זייער אסאך, דורכדעם איז מען זוכה איבערצוגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל ביז מען איז זוכה צו פארשטיין וואס מען לערנט.

"וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם דרך הלימוד, אז מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען

לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין.

ווען מען לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדע ווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זייער אסאך מענטשן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעלערהייט - אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט ער זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך; ער וועט זוכה זיין דורכצולערנען די גאנצע תורה - גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים און זוהר הקדוש, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה. עיי"ש.

זע צו זאגן אביסל תהילים יעדן טאג, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", ווער עס וויל תשובה טון זאל זאגן תהילים.

אז דו וועסט פאלגן דעם רבי'ן און לערנען תורה וועסטו צוקומען צו ווערן לעבעדיג, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עבודה זרה כ:): "תּוֹרָה מְבִיאָה לִידֵי זְהִירוּת, זְהִירוּת מְבִיאָה לִידֵי זְרִיזוּת, זְרִיזוּת מְבִיאָה לִידֵי נְקִיּוּת, נְקִיּוּת מְבִיאָה לִידֵי פְּרִישׁוּת, פְּרִישׁוּת מְבִיאָה לִידֵי טַהֲרָה, טַהֲרָה מְבִיאָה לִידֵי קְדוּשָּׁה, קְדוּשָּׁה מְבִיאָה לִידֵי עֲנָוָה, עֲנָוָה מְבִיאָה לִידֵי יִרְאַת חֵטְא, יִרְאַת חֵטְא מְבִיאָה לִידֵי חֲסִידוּת, חֲסִידוּת מְבִיאָה לִידֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, רוּחַ הַקֹּדֶשׁ מְבִיאָה לִידֵי תְּחִיַּת הַמֵּתִים"; אז מען לערנט תורה קומט מען אן ביז תחיית המתים, דו וועסט ווערן א לעבעדיגער איד.

...

~~~~~~~~~~~

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר די פריערדיגע בריוו וואס דער ראש ישיבה האט מיר צוריקגעשריבן, און א גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק און עצות וואס העלפן מיר אויף יעדן טריט און שריט.

איך האב געוואלט פרעגן אויף דעם וואס דער ראש ישיבה זאגט אלעמאל אז אויב קען מען נישט דעקן די הוצאות, און מ'האט חובות, זאל מען גיין נאך געלט. איך פאלג און איך גיי צו עשירים נאך געלט, אבער נאכדעם טוט עס מיר זייער ווי ווייל די עשירים געבן מיר די זעלבע אדער ווייניגער ווי ווען איך וואלט ווען נישט געזאגט אז איך גיי פאר מיר אליין. זאל איך זאגן פאר וועם איך גיי אדער איז בעסער נישט צו זאגן? ווייל איך באקום ממילא נישט מער און איך האב סתם בזיונות דערפון. און איך ווער פארעקלט פון דעם.א

איך האב נישט קיין ווערטער ארויסצוברענגען מיין הכרת הטוב צום ראש ישיבה, זייט איך בין געוואויר געווארן פון די עצות וואס די ראש ישיבה לערנט מיט אונז האט זיך מיין לעבן געטוישט, ממש מן הקצה אל הקצה!

דער אייבערשטער זאל שענקען פאר'ן ראש ישיבה אסאך כח אנצוגיין ווייטער צו קענען פארשפרייטן דעם רבינ'ס און מוהרא"ש'ס עצות אז אנדערע אידן זאלן אויך וויסן אז מען קען לעבן א חיים טובים.

יישר כח פאר אלעס.

יעקב משה

## תשובה:

### בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת יתרו, ט״ז שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד יעקב משה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

בנוגע דיינע חובות אין וואס דו ביסט אריין געפאלן; דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה, שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא, שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד, וַאֲפִילוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עס איז דא אן עבירה וואס דער עונש פון דעם איז אז דער מענטש ווערט א גרויסער 'בעל חוב'. און אפילו דער מענטש וועט טון אלעס אויף דער וועלט נישט צו זיין א בעל חוב, וועט ער אייביג בלייבן אין חובות; מוהרא"ש זאגט אז דאס איז די עבירה פון הוצאת זרע לבטלה - פגם הברית רחמנא לצלן.

די עצה ארויס צו קריכן פון דעם איז, אז מען זאל תשובה טון; מען זאל וויינען צום אייבערשטן אז מען זאל קענען ארויס קריכן פון אלע חובות, בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות, איך וויל זיך צוריקקערן צו דיר; קוק ווי איך זינק אין שווערע חובות, איך ווייס אז איך בין זיך אליינס שולדיג, ווייל איך האב געטון עבירות וואס דער עונש אויף דעם איז אז מען ווערט א בעל חוב, איך בין נכשל געווארן אין פגם הברית, אבער רבונו של עולם איך וויל תשובה טון, זיי מיר מוחל אויף אלע מיינע שלעכטע מעשים. הייליגער באשעפער, דו ביסט דאך א חנון המרבה לסלוח, אז מען טוט תשובה ביסטו מוחל אויף אלע עבירות, בעט איך דיר, נעם מיך ארויס פון מיין זומפ, נעם אן מיין תשובה און העלף מיר ארויס צו קריכן פון מיינע חובות", אזוי זאלסטו בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן און לייג אריין דיינע אייגענע תפילות ובקשות.

עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך אז ווער עס האט נישט קיין געלט קען גיין נאך צדקה פאר זיך; געדענק גוט וואס איך האלט אין איין חזר'ן: "עס איז נישט קיין בושה צו גיין נאך געלט, אדער צו נעמען א פשוט'ע ארבעט וכו', א בושה איז אז מען בארגט און מען באצאלט נישט וואס אזוי ווערט מען אנגערופן א רשע, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם", א רשע בארגט און באצאלט נישט".

לאז אפ עשירים און חנפ'ע נישט קיינעם; געדענק וואס מוהרא"ש שרייבט אונז אין די צוואה, וזה לשונו: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶעריבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ

נִישְׁט חַנִפְ׳עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם״.

דערפאר חנפ׳ע נישט קיינעם, טראכט נישט פון דעם עושר און פון דעם גביר; דו גיי ווייטער נאך געלט ביז דו וועסט אפצאלן דיינע חובות אין וואס דו דערטרינקסט זיך, ווייל ווי לאנג א מענטש האט חובות האט ער נישט קיין מח און אז מען האט נישט קיין מח קען מען נישט דינען דעם אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן מו): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב״. ווער עס וויל תשובה טון זאל אכטונג געבן פון האבן חובות.

ווען דו גייסט נאך געלט דארפסטו נישט זאגן אז דו גייסט פאר דיר וכו׳, נאר זאג ״צדקה פאר אן ארעמע משפחה״.

זע צו גיין נאך געלט יעדע צופרי - אפילו נאר ביי דעם מנין וואו דו דאווענסט שחרית מנחה מעריב. טראכט נישט: ׳וואס וועט שוין זיין אז איך וועל מאכן אפאר דאללער, איך בין דאך שולדיג טויזענטער דאללער פאר מענטשן און גמח׳ן׳, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא ט:): ״פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת״, אז דו האסט געמאכט א צענער, א צוואנציגער, גיי באצאל דאס; אזוי צוביסלעך וועסטו ארויס קריכן פון דיינע חובות.

איך ווייס אז עס איז שווער און דו שעמסט זיך, אבער געדענק וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין פא.): ״מוּטָב תִּכַּסְּפוּ בִּי בְּעָלְמָא הָדֵין, וְלָא תִּכַּסְּפוּ מִינֵיהּ לְעָלְמָא דְאָתֵי״, ענדערש זאל א מענטש פארשעמט ווערן אויף דער וועלט ווי איידער פארשעמט צו ווערן אויף יענער וועלט; א מענטש וואס גייט נאך געלט צו באצאלן חובות איז אן ערליכע איד, עס איז בכלל נישט קיין בושה צו גיין קלייבן געלט, א בושה איז ווען א מענטש איז שולדיג געלט פאר מענטשן און ער זיצט ביי זיך אין שטוב און שטעלט זיך אהער ווי א שיינער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט אויפגעראכטן ווערן און קענען באצאלן אלע דיינע חובות.

...

~~~~~~~~~~

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס מיין מאן איז נישט אין שטוב ביינאכט. דאס שטערט מיר זייער וועגן אסאך זאכן, און איינס פון די סיבות איז אז אין די שעות האב איך שוין געווענליך נישט קיין כח און קיין סבלנות פאר די קינדער און איך פיל אז ווען ער איז אויך אין שטוב גייט דאס פיל גרינגער.

ער טענה'ט אז ער מוז האבן די צייט פאר זיך, ער איז אזוי אויסגעמוטשעט און דאס איז זיין חיות, ער קען בשום אופן נישט מוותר זיין אויף דעם.

איך ווייס באמת נישט וואס צו טון, איך בין נישט א מענטש וואס איז מסכים צו לעבן פארביסענערהייט ווייל מיין מאן געבט מיר נישט וואס איך דארף, איך גיי זיך נישט בעטן ביי אים אויף מיין לעבן, איך קען זיך לערנען צו לעבן גוט אויך אזוי.

מיין שאלה איז אויב אין דעם פאל זאל איך אפמאכן אז ער זאל זיך גיין זיין וועג לחיים ולשלום, און איך וועל זיך שוין מסדר זיין אליין, אדער איז אפשר יא דא א וועג אים איבערצורעדן אז ער זאל זיין מער אין שטוב ביי די נעכט.

פארשטייט זיך אז איך בעט אסאך דעם אייבערשטן אויף דעם, איז דא נאך עפעס וואס איך קען טון דערוועגן?

איך וויל אביסל מער ערקלערן מיין מצב, עס איז דא זייער אסאך זאכן מיט וואס מיר זענען נישט איייניג, מסתמא אזוי ווי ביי יעדע פאר-פאלק. ב"ה אז איך האב זיך אויסגעלערנט נישט צו נעמען צום הארץ, נאר זיך מסדר זיין אליין, און קוקן נאר אויף זיינע גוטע זאכן, און ער האט ב"ה אסאך גוטע זאכן. ער איז זייער אן ערליכער, א תלמיד חכם, גוטע מידות, ער נעמט אויף זיך די פולע אחריות פון פרנסה און נאך פיל פיל מעלות. ב"ה.

א גרויסן גרויסן ישר כח אויף אלעס, איך קען נישט גלויבן אז איך האב וועמען צו פרעגן מיינע שאלות. איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס דאס מיינט פאר מיר.
~~~~~~~~~~

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת יתרו, ט״ז שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

דער יסוד היסודות פון שלום בית איז צו זיין אפען איינער מיטן צווייטן; אויב עפעס טוט ווייַ דארף מען זיך אדורך רעדן איינער מיטן צווייטן. אויב מען רעדט נישט, אדער איינער האט מורא פונעם צווייטן צו רעדן איז דאס איז נישט שלום בית און מען דארף זען ווי אזוי זיך צו עפענען און זיך אדורך רעדן איינער מיטן צווייטן.

איר האט זיכער שוין געהערט דעם דיבור פון ר׳ נתן זכרונו לברכה. ווען מען איז אים געקומען דערציילן אז עס איז דא אין שטאט א איד א גרויסער צדיק, ממש די גאנצע שטאט רעש׳ט זיך מיט אים. איינע פון זיינע גרויסע מדריגות איז אז ער איז א ״שותק״ - ער שוויגט, ער רעדט גארנישט, מען הערט נישט פון אים קיין איין ווארט, האט ר׳ נתן געזאגט: ״דער רבי האט אונז געלערנט אז מען דארף נישט שוויגן, מען זאל יא רעדן, נאר מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן״; אין דעם ווארט ליגט דעם שליסל פון שלום בית. שלום בית איז נישט פשט אז מען עסט זיך אויף וכו׳, שלום בית מיינט אז מען רעדט יא, מען דארף נאר וויסן ווי אזוי צו רעדן.

בדרך כלל ווען א מענטש רעדט נישט, ער געבט נישט ארויס וואס עס באדערט אים און וואס עס דרוקט אים, ווערט ער מיט די צייט אנגעגעסן אין זיך און ווען ער קען דאס שוין מער נישט נעמען און עס פלאצט אויס - איז זייער נישט גוט; זייער אסאך מאל צעפאלן אידישע שטובער נאר ווייל מען האט נישט גערעדט. מען האט זיך אנגעגעסן איינער אויפן צווייטן ביז מען האט שוין נישט געקענט מער און מען האט אויסגעפלאצט זייער נישט שיין איינער אויפן צווייטן.

איך בין זיכער אז אויב איר וועט רעדן מיט אייער מאן נאכאמאל, איר וועט רעדן מיט אים שיינע דיבורים און אים מסביר זיין אז ווען עס קומט ביינאכט פאלט איר פון אייערע כוחות און איר דארפט זיין הילף אין שטוב, איר וועט אים בעטן

אז איר קוקט ארויס אויף זיין מיט-ארבעט וכו'. איר וועט אים זאגן: "מיין טייערער מאן, איך קען ניצן דיין הילף ביינאכט, עס איז מיר אסאך גרינגער ווען דו קומסט אהיים", וועט ער אייך זיכער העלפן.

יעדער איינער דארף חיזוק וכו'; געוועגליך דארף דער מאן זיין דער וואס איז מחזק די ווייב, אבער א קלוגע פרוי ווארט נישט אויף דעם, נאר זי איז די וואס איז מחזק איר מאן וכו'. שלמה המלך זאגט (משלי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", א קלוגע פרוי בויעט אויף איר הויז; א קלוגע פרוי מאכט זיך א גן עדן פון איר לעבן, זי מאכט פרייליך איר מאן, זי ווארט נישט אויף אים אז ער זאל אנהייבן געבן גוטע ווערטער וכו', נאר זי איז דער וואס געבט גוטע ווערטער און מאכט פרייליך די גאנצע שטוב.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עוקצין ג, יב): "לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם", ביים אייבערשטן איז דער גרעסטער זאך שלום; וואס מיינט שלום? זאגט דער הייליגער רבי (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן פ): "שֶׁמְּחַבֵּר תְּרֵי הֲפָכִים", ווען מען שטעלט צוזאמען צוויי פארקערט זאכן - דאס איז שלום, אזוי ווי עס שטייט (איוב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דער אייבערשטער מאכט שלום אין הימל צווישן צוויי מלאכים. זאגט דער רבי (שם): "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", איין מלאך איז פייער און איין מלאך איז וואסער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", זיי זענען צוויי פארקערטע זאכן, ווייל וואסער לעשט אויס פייער, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", גייט דער אייבערשטער און מאכט שלום צווישן זיי און ער באהעפט זיי צוזאמען. זעט מען אז דאס איז דער עיקר פון שלום, מחבר זיין צוויי פארקערט זאכן, עיי"ש.

יעדער מענטש האט זיינע נאטורן און זיין וועג ווי אזוי ער טראכט, קיין איין מענטש טראכט נישט ווי דער צווייטער אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין לח.): "לְהַגִּיד גְּדוּלָּתוֹ שֶׁל מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁאָדָם טוֹבֵעַ כַּמָּה מַטְבְּעוֹת בְּחוֹתָם אֶחָד וְכוּלָּן דּוֹמִין זֶה לָזֶה, אֲבָל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא טוֹבֵעַ כָּל אָדָם בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל אָדָם הָרִאשׁוֹן וְאֵין אֶחָד מֵהֶן דּוֹמֶה לַחֲבֵירוֹ", ווען א מענטש מאכט א זאך קען ער מאכן א פארעם דערפון און נוצן דעם פארעם נאכצומאכן די זעלבע זאך און אלעס וואס ער מאכט מיט דעם פארעם זעט אויס די זעלבע, אבער דער אייבערשטער האט באשאפן אן א שיעור מענטשן אויף דער וועלט, אלע זעהן

אויס ווי אדם הראשון אבער קיין איינער זעט נישט אויס גענוי ווי דער אנדערער און זיכער טראכט נישט איינער ווי דער צווייטער.

ביי איין פארפאלק איז דער מאן פייער און די ווייב וואסער, און ביי איינעם איז פארקערט - זי איז פייער און ער איז וואסער, שלימות איז וועןביידע ווילן איין זאך, אויפשטעלן א ערליכע שטוב, ערליכע אידישע דורות, קינדער און קינדס קינדער וואס וועלן דינען דעם הייליגן באשעפער.

דערפאר זאלט איר זיך שטארקן אז איר האט א מאן א תלמיד חכם מיט גוטע מידות, א ירא שמים, און ער זארגט פאר אייער שטוב פאר די פרנסה. איר זאלט ווייטער מתפלל זיין אויף אלעס וואס איר דארפט און געדענקט וואס דער תם פלעגט זאגן פארן חכם ווען דער חכם האט אים געוואלט אויפדרינגען אז ער קען נישט צו קומען צו זיין זאך, ער פלעגט אים ענטפערן מיט תמימות ופשיטות: ״ביים אייבערשטן איז אלץ מעגליך, קען זיין מיט איין אויגן בליק אז איך זאל צו קומען צו דיין זאך״, ווייל מיט תפילה והתבודדות קען מען אלעס באקומען.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...